**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת שופטים, כ״ו לחודש מנחם אב תשפ״ו. א פרייליכן לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**יארצייט פונעם הייליגן סאטמארער רבין זי״ע**

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער, היינט געפאלט די יארצייט פון מרן רבינו הגה״ק רבי יואל בן רבי חנניא יום טוב זכר צדיק וקדוש לברכה, וזכותו יגן עלינו. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מ׳זאל פועל׳ן אלעס גוטס און אלע מיני ישועות פאר׳ן גאנצן כלל ישראל, סיי פאר׳ן כלל און סיי פאר׳ן פרט. דער הייליגער באשעפער זאל שיקן אך טוב וחסד, אמן כן יהי רצון.

**די מדרגה פון בעלי צדקה און גומלי חסדים**

דער הייליגער סאטמארער רבי זכרונו לברכה ברענגט אין פרשת אמור, **אז די בעלי צדקה און די גומלי חסדים זענען מקבל זייערע השפעות פונעם אייבערשטן אליין, נישט דורך א שליח**. און וויבאלד זייער השפעה קומט צו זיי דירעקט פונעם אייבערשטן, דארפן זיי קיינמאל נישט מורא האבן אז עס וועט זיי פעלן געלט אדער עפעס פון זייערע נכסים. אויב זיי וועלן אויסגעבן זייער געלט אויסצוהאלטן תורה, אויסצוהאלטן ארעמעלייט, און אויסצוהאלטן די אלע שווערע געברויכן פון כלל ישראל, האבן זיי נישט וואס מורא צו האבן, **ווייל ״ברכת ה׳ היא תעשיר״. די ברכה פונעם אייבערשטן ברענגט עשירות, און דאס איז א ברכה וואס קומט פונעם אייבערשטן אליינס**. דערפאר, אויב איינעם פעלט געלט צוליב דעם וואס ער האט געגעבן צדקה אדער ער איז געווען א גומל חסד, זאל ער נישט זיין באזארגט; דער אייבערשטער וועט אים צוריקצאלן כהנה וכהנה ממעון הברכות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען א איד געבט זיך אוועק פאר א צווייטן איד מיט צדקה וחסד, פעלט אים גארנישט; און נישט נאר ס׳פעלט אים נישט, נאר דער אייבערשטער וועט אים מוסיף זיין און מוסיף זיין און מוסיף זיין. **ס׳איז אן השקעה, אן אינוועסטמענט וואס איז כולו רווח**. קל וחומר בן בנו של קל וחומר, ווען דו געבסט אוועק פון זיך ווארימע דיבורים, א שמייכל, א ווארעם הארץ, דו געבסט אוועק דיינע פיזישע כוחות, דיינע גייסטישע כוחות, דיינע רוחניות׳דיגע כוחות, דיינע גשמיות׳דיגע כוחות, דו געבסט אוועק דיין מחשבה, דיבור ומעשה פאר א צווייטן איד, וועט דיר נישט נאר גארנישט פעלן, נאר דו וועסט קליגער ווערן, דו וועסט ברייטער ווערן, דיין חכמה, בינה און דעת וועלן פארמערט ווערן, און דו וועסט פארדינען כשרונות און טאלאנטן פון אלעס וואס דו געבסט אוועק פאר א צווייטן.

**דער אייבערשטער שיקט אליינס, אן א שליח, פאר א מענטש וואס געבט זיך אוועק פאר א צווייטן. צי ער געבט אוועק געלט, צי ער געבט אוועק כח, צי ער געבט אוועק צייט – וואס א מענטש געבט אוועק פון זיך פאר א צווייטן, קומען אים השפעות פונעם אייבערשטן אליין, נישט דורך א שליח. און ברכת ה׳, אלע ברכות פונעם אייבערשטן, היא תעשיר, דאס איז אן אמת׳ע עשירות**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, שפארט נישט קיין געלט, שפארט נישט קיין כח, און שפארט נישט קיין מוח. שפארט נישט קיין מחשבה, דיבור ומעשה זיך אוועקצוגעבן פאר כלל ישראל, זיך אוועקצוגעבן פאר אידישע קינדער, און זיך אוועקצוגעבן פארן אייבערשטן און פאר זיין תורה. ברכת ה׳ היא תעשיר; די אלע זאכן ברענגען פאר אונז נאר אן עשירות און א רייכטום. וואס מער א מענטש גיט זיך אוועק פון זיך אליין פאר אנדערע אידן און פארן אייבערשטן, אלס מער ווערט ער רייכער און רייכער.

**וואס מיינט אמת׳ע קנאות? א מעשה פון רבי עמרם בלוי**

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער! מ׳פארציילט אז דער הייליגער סאטמארער רבי זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט אויף רבי עמרם בלוי זכרונו לברכה, אז מ׳דארף זיך לערנען פון רבי עמרם וויאזוי צו זיין א קנאי. ער איז דאך געווען אזא געוואלדיגע קנאי אויף אידישקייט.

האט דער סאטמארער רבי זכרונו לברכה דערציילט, אז ביי רבי עמרם פלעגט איינשטיין א צובראכענע ארימע פרוי; זי פלעגט דארט עסן און שלאפן. איינמאל ווען די פרוי איז אנגעקומען און געקלאפט אין די טיר, איז רבי עמרם געווען אליין אינדערהיים, און ס׳איז געווארן א שאלה פון יחוד. האט ער געזאגט פאר דער פרוי אז זי קען אריינקומען, און ער אליין איז אוועקגעגאנגען. ער איז געגאנגען שלאפן א גאנצע נאכט ערגעץ אנדערש, ער איז איינגעשטאנען ביי א צווייטן און איבערגעלאזט זיין גאנצע שטוב פאר דער פרוי.

זיין שטוב איז געווען אזא סארט שטוב וואס איז געווען איינגאנצן אוועקגעגעבן פאר יענעם. ס׳איז נישט געווען קיין ספק, אז אויב ס׳איז דא א שאלה צווישן אים און דער פרוי, דארף ער אוועקגיין און די פרוי דארף דארט בלייבן. האט דער הייליגער סאטמארער רבי זכרונו

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

לברכה געזאגט: ״דאס הייסט א קנאי!״ קנאת ה׳ צבאות – א קנאי וואס נעמט זיך אן פאר׳ן אייבערשטן, פאר זיינע קינדער און פאר די תורה; ער געבט זיך אוועק פאר׳ן אייבערשטן און פאר אנדערע אידישע קינדער, הייליגע און לעכטיגע אידישע קינדער.

**די מעשה פונעם בעל אכסניה און די ישועה דורך איבערבעטן**

א רב האט דערציילט א הפלא׳דיגע מעשה, ער האט פארציילט אזוי: עס איז געווען א איד, א בן תורה און א ירא שמים, און ברוך השם ער איז געווען א שיינער בעל הבית וואס עס האט אים נישט געפעלט קיין פרנסה. ער האט מחליט געווען אז ער וויל זיין ווי אברהם אבינו׳ס שטוב, אז מענטשן זאלן קענען קומען צו אים עסן שבת, יום טוב, און אפילו אינדערוואכן. מען האט געקענט קומען צו אים, עס איז געווען א געוואלדיגע הכנסת אורחים. און טאקע מענטשן פלעגן דארט קומען: אורחים ופורחים, צובראכענע אידן, געזונטע מענטשן, פריילעכע, בחורים און יונגעלייט. מען פלעגט דארט קומען עסן, איינער פרישטאג, איינער מיטאג, איינער נאכטמאל, און איינער אויף שבת; זיין הויז איז געווען א בית פתוח לרווחה.

דארט פלעגט אויך קומען א צובראכענער אינגערמאן וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין ווייב און נישט געהאט קיין אייגן היים, ער איז געווען א זייער א צובראכענער מענטש. ער האט זיך געמאכט א קביעות דארט צו עסן, וויבאלד ער האט געטראפן א פלאץ וואו ער קען באקומען צו עסן, און דער בעל הבית האט זיך געפרייט מחיה צו זיין אן עלענדן און צובראכענעם מענטש.

איינמאל, ווען דער צעבראכענער איד איז דארט געווען, האט איינס פון די קינדער פון דעם בעל אכסניה זיך טועה געווען און זיך פארטשעפעט מיט אים, אדער עפעס ווי געטאן דעם צעבראכענעם יונגערמאן. דער יונגערמאן האט אויסגעפלאצט אויפן בעל הבית, אויף זיין ווייב און אויף די קינדער; ער האט אנגעהויבן פארשעמען און מבזה זיין, געשריגן קולות וברקים, און איבערגעדרייט דאס גאנצע שטוב. קודם האט מען אים פרובירט צו בארואיגן, אבער עס איז נישט געגאנגען. למעשה האט זיך דער יצר הרע אריינגעמישט; דער בעל הבית, וואס האט געפילט אז ער דארף האבן אביסל הכרת הטוב פארן אים געבן צו עסן בחינם פאר וואכן און חדשים, איז געווארן בארירט פון דעם וואס יענער האט זיך ערלויבט אזוי צו שרייען און זיי אלע מבזה זיין. ער האט זיך נישט געקענט באהערשן און האט אויך אויפגעפלאצט אויפן יונגערמאן. זייט דעמאלטס איז דער איד מער נישט צוריקגעקומען צו די הכנסת אורחים, און מיט דער צייט האט מען שוין פארגעסן דערפון.

עס איז געקומען ערב יום כיפור, איז די בני בית צוגעגאנגען צו דעם איד און אים געזאגט: ״קוק, מיר האבן א טאכטער, א מושלמת, א צנועה מיט יראת שמים און אלע מעלות. געלט איז דא, א גוטע נאמען איז דא, זיי האבן דאך א הכנסת אורחים, פארוואס גייט נישט קיין שידוך?״ זי האט מורא געהאט אז דאס איז די סיבה, ווייל מען האט נישט איבערגעבעטן דעם צעבראכענעם אידל. דער מאן האט אבער געטענהט: ״מיר האבן עפעס שלעכט געטון? ער האט זיך אויפגעפלאצט, ער האט נישט קיין הכרת הטוב, איך האב אים פשוט געמוזט געבן זיין חלק.״ די פרוי האט ווייטער געטענהט: ״איך ווייס נישט, אפשר האסטו געמוזט און אפשר נישט, אבער וואס שטערט דיר אים איבערצובעטן? מיר דארפן א ישועה, בעט אים איבער.״

נו, דער איד האט זיך אונטערגעגעבן און מסכים געווען, ער האט אנגעהויבן אויפזוכן דעם איד, אבער קודם האט ער אים נישט געטראפן. צום סוף איז ער געוואויר געווארן אז ער געפינט זיך ערגעץ אין אן אנדער לאנד; ער האט דערוואוסט זיין נומער און אים געכאפט נאך פאר יום כיפור. ער האט אים אריינגערופן און אנגעהויבן רעדן סתם פריינטליך: ״וואס טוט זיך? וואס מאכסטו? מ׳האט זיך שוין לאנג נישט געזען.״ עס איז געווען א זייער פריינטליכע שמועס. אינמיטן האט ער אים געזאגט אז ער וויל אים איבערבעטן. יענער האט זיך געלאזט איבערבעטן, און ער האט אים דערציילט אז אויף סוכות קומט ער צוריק אין שטאט און ער וויל ווייטער ביי אים איינשטיין אויף סוכות. יענער האט אים געזאגט: ״זייער גערן, קום צוריק, מירווארטן שוין קוים דו זאלסט קומען.״ זיי האבן זיך זייער שיין איבערגעבעטן און זענען צוריק געווארן באמת גוטע פריינד בידידות.

פלא והפלא, מוצאי יום הקדוש האט א שדכן געררופן אנטראגן א שידוך, און בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, נאך אין חול המועד סוכות איז דער שידוך געשלאסן געווארן. מזל טוב, מזל טוב, ענבי הגפן בענבי הגפן, דבר נאה ומתקבל.

**התעוררות פאר די הייליגע טעג: שמחה און מוחל זיין אנדערע**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האלטן יעצט אין די הייליגע טעג. מיר דארפן גרויסע ישועות, **גאנץ כלל ישראל דארף ישועות. דער כלל דארף ישועות, און יעדער איד פריוואט דארף א ישועה. מיר האבן א וועג דאס צו פועל׳ן: דער וועג איז דורך טון חסד און זיך אוועקגעבן פאר אנדערע אידן.** ס׳איז דא נאך א וועג; מיר האבן שוין געזאגט סיי ליל שישי פרשת ראה און סיי ביי די תורה פון שלש

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

סעודות פרשת ראה, וואו מיר האבן שטארק ארומגערעדט דעם ענין פון **שמחה וואס דאס ברענגט אלע ישועות**. ס'לוינט זיך איבערצוהערן א מורא'דיגן שיעור, געבויט אויף ספרים וסופרים, איבער די ישועות און די גרויסע אויפטוען פון זיין בשמחה און נישט זיין בעצבות. יעדער איד דארף דאס אויסהערן.

און מיר האבן דא נאך אן עצה: **זיך איבערבעטן מיט אידן און מוחל זיין יעדן איינעם. ווארט נישט אז יענער זאל דיך קומען איבערבעטן, זיי מוחל אלע אידן מכל הלב. נעם א תהלים און בעט דעם אייבערשטן אז אידן זאלן דיר מוחל זיין אפילו דו בעטסט זיי נישט איבער, ווייל דו ווייסט דאך אפילו נישט וועמען דו דארפסט אלץ איבערצובעטן**. לאמיר זיך אוועקגעבן פאר אידישע קינדער, און "ברכת ה' היא תעשיר" – מיר וועלן האבן א ברכה פונעם אייבערשטן וואס ברענגט עשירות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, מיט אלע השפעות טובות.

**די מדה פון חסד וועט מקרב זיין די גאולה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז באקאנט אז דער ראש הישיבה הרב סעגאל האט אמאל געפרעגט פונעם הייליגן סאטמארער רבי'ן זכר צדיק וקדוש לברכה, אז היות עס שטייט אין דעם הייליגן נועם אלימלך אז אין יעדן דור איז דא א געוויסע מצוה וואס איז מיוחד פאר יענעם דור מתקן צו זיין, האט ער געפרעגט: וועלכע מצוה איז מיוחד פאר אונזער דור? האט דער הייליגער סאטמארער רבי געענטפערט: גמילות חסדים; דאס דארפן מיר מתקן זיין אין אונזערע טעג. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מגלה עמוקות און אין נאך ספרים אויפן פסוק "בך חותמין", אז "בך" גייט ארויף אויף אברהם אבינו. **דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אז מיט דיין מדה, די מדה פון חסד, וועט זיך ענדיגן די סוף פון דעם גלות.**

האט דער הייליגער סאטמארער רבי צוגעלייגט בשם דעם הייליגן רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל, עס שטייט אין פסוק "ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב". יצחק אבינו איז ארויסגעגאנגען פארנאכטס, פארן סוף פון דעם גלות, צו זען וואס מ'קען טון פאר אידישע קינדער ביים סוף פון דעם גלות. "וישא עיניו וירא והנה גמלים באים" – ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען "גמלים", דאס מיינט דעם ענין פון גומל חסד זיין; "באים" – אז אין דעם זכות זאלן אידן אריינקומען קיין ארץ ישראל און ארויסגיין פון די גלות'ן.

**זיך נישט פילן באטראפן: לעבן מיט אמונה פשוטה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **איינע פון די חסדים וואס מיר קענען טון פאר אידישע קינדער איז נישט צו ווערן פארוויטאגט אויף קיין שום איד. נישט נאר אז איך זאל נישט ווי טון אנדערע, נאר אפילו ווען יענער וויל מיך ווי טון, זאל איך נישט ווערן פארוויטאגט**. לאזט ענק נישט פונעם יצר הרע! קיינער קען מיך נישט פארשעמען, קיינער קען מיך נישט באגנב'ענען, קיינער קען מיר גארנישט צונעמען, און קיינער קען מיך נישט דערנידריגן. קיינער מיינט טאקע קיינער: נישט מיינע עלטערן, נישט מיינע מחנכים ומחנכות, נישט מיינע ברידער און שוועסטער, נישט מיינע שוואגערס און שוועגערינס, נישט מיינע פעטערס און מומעס, און נישט מיין זיידע און באבע. אויך נישט מיינע שכנים און שכנות – קיינער, אבסאלוט קיינער קען מיר גארנישט שלעכטס טון, ווייל איך לעב מיט אן אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, און איך וויל האבן א שייכות מיט'ן מקרב זיין די גאולה דורך חסד.

**איך ווער נישט פארוויטאגט פון קיינעם. און אויב איך האב ביז יעצט נישט געהאט דעם שכל און יא געשפירט וויטאג פון אנדערע מענטשן, בין איך יעצט מקבל אויף מיר: "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך"**. איך בין יעדן מוחל בלב שלם, איך האב נישט קיין שום שוועּר הארץ אויף קיין שום איד – נישט אויפ'ן עבר, נישט אויפ'ן הווה, און איך בין מגלה דעת אויך אויפ'ן עתיד. אפילו אויב עס וועט זיך מאכן א שווערע מינוט, זאל עס נאר זיין פאר יענע רגע, און איך בין עס שוין מבטל כעפרא דארעא. איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט האבן קיין שווער הארץ אויף קיין שום איד, און קיין...

קיין שום איד זאל אויף מיר נישט האבן קיין שווער הארץ, און דער הייליגער באשעפער, כביכול, זאל אויף מיר נישט האבן קיין שווער הארץ. דער אייבערשטער זאל מיך ליב האבן, איך זאל ליב האבן דעם אייבערשטן, און איך זאל נאר טון א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן.

**די אפענע הארץ און מופת פונעם סאטמארער רבין**

דער הייליגער סאטמארער רבי איז אמאל געווען אין לאנדאן און ער איז איינגעשטאנען ביי דעם גרויסן בעל צדקה, הנגיד ר' געצל בערגער זכרונו לברכה. עס איז אריינגעקומען אן אלמנה צום רבי'ן און זיך אויסגעוויינט מיט ביטערע טרערן; זי האט דערציילט אז זי האט א כלה אבער זי האט נישט קיין פרוטה פאר די הוצאות, און זי האט מורא אז דער צווייטער צד וועט חלילה אפלאזן דעם שידוך.

ווי נאר דער רבי האט דאס געהערט, האט ער גלייך געזאגט: "חלילה, זיי גייען נישט מבטל זיין דעם שידוך!" ער האט קודם צוזאמגענומען

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דאס גאנצע געלט פון די פדיונות וואס איז געלעגן אויפן טיש און געזאגט: "דאס איז א מתנה פאר די כלה. דאס איז נישט פאר די הוצאות החתונה, דאס וועל איך שיקן עקסטער; דאס געלט איז א ספעציעלע מתנה פאר די כלה אליין."

מען דארף פארשטיין אז מיר רעדן דא פון יענע יארן, די בראשית יארן, ווען די עניות איז געווען זייער גרויס און יעדע פרוטה האט אויסגעפעלט פאר זיך און פאר די אייגענע מוסדות; געלט האט זיך דעמאלט נישט געווארפן אזוי גרינג. אבער ווען עס איז געקומען צו זען א צובראכענע כלה, האט דער רבי נישט נאר באצאלט די הוצאות החתונה, **נאר זיין ערשטע מחשבה איז געווען אז די כלה זאל האבן אן אייגענע מתנה. דער רבי האט געגעבן די מתנה כדי די כלה זאל האבן געלט פאר זיך, זי זאל נישט שפירן קיין יתמות און זי זאל נישט פילן אז זי איז א יתומה. איר הערט דאס הארץ פון א צדיק?**

**די ישועה פון א כוס של ברכה**

א איד דערציילט, אז איינמאל איז א לאנדאנער איד געווען דא אין ניו יארק און איז געקומען צום רבי'ן אויף איינע פון די ימים טובים. אינמיטן האט ער באקומען א מודעה פון לאנדאן אז זיין שניר דארף א גרויסע ישועה; זי ליידט אויף גאל-שטיינער וואס פאראורזאכן איר שרעקליכע יסורים, לא עלינו, קיינער זאל נישט וויסן. זי איז געווען אין א גרויסע סכנה, און די דאקטוירים האבן נישט געזען קיין אנדערע עצה נאר דורך מאכן אן אפעראציע.

דער איד האט געוואלט אריינגיין זיך מזכיר זיין ביים הייליגן סאטמארער רבי'ן, אבער דער גבאי ר' עזריאל ע"ה האט אים געזאגט אז מען קען יעצט נישט אריינגיין און ער זאל צוריקקומען שפעטער. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ר' עזריאל אריינגעגאנגען אינאיינעם מיט אים. דער איד האט אויסגעפלאצט אין א געוויין, דערציילנדיג אז זיין שניר, א יונגע פרוי, ליידט אזעלכע יסורים און די דאקטוירים ווילן מאכן אן אפעראציע. ער האט געבעטן דעם רבי'ן אז היות די וועלט איז שוין היינט אביסל מער אנטוויקלט, זאל מען אפשר קענען אויסמיידן אן אפעראציע, ווייל לויט איר מצב וואלט אן אפעראציע געווען א גרויסע סכנה. ער האט געבעטן דעם רבי'ן ער זאל אויספועל'ן א גרויסע ישועה, מען זאל נישט דארפן מאכן די אפעראציע.

און ר' עזריאל האט זיך אנגערופן: "מיר ווייסן אז דער רבי האט א כח צו פועל'ן אז מען זאל נישט דארפן מאכן די אפעראציע." האט דער רבי זיך אנגערופן צו ר' עזריאל: "וואס מאכסטו חוזק פון מיר? דו ווייסט דאך אז היינט האט קיינער נישט די כוחות אזוי ווי די פריערדיגע צדיקים." האט זיך דער רבי איבערגעחזר'ט צו ר' עזריאל: "וואס מאכסטו חוזק פון מיר? דו ווייסט דאך אז היינט זענען נישט דא די כוחות אזוי ווי ביי די צדיקים פון די פריערדיגע דורות. די פריערדיגע צדיקים האבן געהאט די כוחות, אבער מיר האבן נישט די כוחות."

האט ר' עזריאל געזאגט: "פיין, איך גיי זעצן א בית דין, און דער בית דין וועט פסק'ענען אז דער רבי האט יא א כח." און אזוי האט ער טאקע געטון. אזוי ווי דער בית דין האט געפסק'נט אז דער רבי האט א כח, האט דער רבי גענומען די איבערגעבליבענע כוס של ברכה וואס איז פונקט געווען אויפ'ן טיש, און ער האט עס געגעבן פאר דעם יונגערמאן, אז ווען ער פארט אהיים זאל ער עס געבן פאר זיין שניר זי זאל עס טרינקען.

נאך יום טוב איז ער אהיימגעפארן; די שניר האט זיך נעבעך געוואלגערט פאר יסורים. ער האט איר געגעבן דעם כוס של ברכה, און אזוי ווי זי האט עס אויסגעטרונקען, האט זי זיך געלייגט שלאפן. ווען זי איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, זענען די יסורים מער נישט געווען.

אזוי ווי די יסורים האבן נאכגעלאזט, איז מען געגאנגען צום דאקטאר ער זאל נאכאמאל איבערמאכן די בדיקות, איבערצוקוקן אויב די שטיינער זענען נאך דארט. דער דאקטאר קוקט און זאגט: "ניין, די שטיינער זענען מער נישט דא". "וויאזוי איז דאס געשען?" פרעגט ער. האט מען אים דערציילט אז דאס איז פונעם כוס של ברכה פון ראביי טייטלבוים. האט ער געזאגט: "אוי, אזויפיל אידן דארפן האבן דעם ראביי טייטלבוים פאר די אלע מענטשן וואס רייסן זיך דא נעבעך פאר יסורים".

**א תפילה און א ברכה פאר גאנץ כלל ישראל**

הייליגע לעכטיגע קינדער, דער אויבערשטער זאל העלפן אז זיין זכות, וואס שטייט דא פאר אונז און באגלייט אונז און גאנץ כלל ישראל, זאל אונז ביישטיין. זאלן טאקע אלע אידן אויסגעלייזט ווערן פון אלע מיני יסורים און פון אלע מיני חלאים, און עס זאל זיין נאר געזונט און שטארק, און שטארק געזונט.

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א טאג פון די הילולא פון א צדיק, ווען מ'לערנט די תורות פונעם צדיק און מ'חזר'ט איבער זיינע ווערגן – **וואס ביי אים איז גמילות חסדים מיט קנאות געווען איין מדרגה**. זיך אוועקצוגעבן פאר אידישע קינדער; זיין גאנצע קנאות איז

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נאר געווען פארן כבוד פון אידישע קינדער און פארן כבוד פונעם אייבערשטן. ער האט קיינמאל נישט געטראכט פון זיך און קיינמאל נישט גערעדט פון זיך. אדרבה, זיך אליין האט ער שטענדיג געקלאפט, און פון זיך האט ער געהאלטן גארנישט מיט גארנישט. ווער ס׳ווייסט און ווער ס׳לערנט די ספרים, זעט וויפיל תורות עס זענען דא, צי עס איז געווען פאר כל נדרי צי פורים, ווען ער האט זיך אזוי משפיל געווען עד הסוף. ער איז געווען א איד וואס האט זיך אוועקגעגעבן להי׳ ולתורתו און פאר כלל ישראל. זכותו יגן עלינו, ער זאל פועל׳ן אלע ישועות, רפואות און אלעס גוטס, עס זאל זיין אן אופן פון חסד פאר אלע אידן, א כתיבה וחתימה טובה און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

# כיבוד אב ואם

בס״ד, כיבוד אב ואם, צען מינוט, די איין און צוואנציגסטע שיעור.

### כיבוד אב ואם: א מצוה שכלית אדער א גזירת הכתוב?

אין ערוך השולחן (יורה דעה סימן ר״מ סעיף ב׳) שרייבט דער ערוך השולחן: כיבוד אב ואם איז א מצוה שכלית, דאס הייסט א מצוה וואס דער שכל פאדערט אז מען זאל עס טון. אפילו די אומות העולם להבדיל זענען מקיים די מצוה, און אפילו די כופרים, די מינים, און די אפיקורסים זענען אויך שטארק נזהר אין דער מצוה, ווייל דער שכל און די טבע פאדערן דאס. **אבער דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן די מצוה אין די תורה הקדושה און אונז געפאדערט אז מיר זאלן עס נישט טון בלויז מיט אונזער שכל; מיר זאלן עס נישט טון ווייל דאס איז די טבע, נאר מיר זאלן עס טון ווייל אזוי האט דער הייליגער באשעפער באפוילן אין די תורה הקדושה.**

אין די תורה הקדושה שטייט ״ושמרתם את חקתי ואת משפטי״ – דו זאלסט אפהיטן די חוקים, דאס זענען די מצוות וואס זענען א חוק אן א טעם, ״ואת משפטי״ – דאס זענען די מצוות וואס זענען משפטים, וואס מיינט אז דו פארשטייסט דעם טעם פון די מצוה. אבער שפעטער שטייט אין די תורה: ״והיה עקב תשמעון״ – עס וועט זיין צום סוף, אויב איר וועט אויסהערן ״את המשפטים האלה״. דא שטייט נישט חוקים, און די תורה זאגט אז פאר דעם וועל איך דיר געבן אסאך שכר און איר וועט האבן אלע גוטע זאכן.

זאגט דער ערוך השולחן: דער פשט דערפון איז, אז אוודאי ווען א מענטש טוט די מצוות התורה וואס זענען ״חוקים״, פארוואס טוט ער עס? ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן. ער קען עס דאך נישט אליין אויסרעכענען, עס קען נישט קומען מצד השכל, און עס איז נישט מצד הטבע. אבער דער שכר וואס א מענטש באקומט איז פיל גרעסער אויב ער נעמט די ״משפטים״ – די זאכן וואס דער שכל און דער טבע זענען מחייב – און ער טוט עס בלויז פארן רצון השם; דעמאלטס איז עס א שטארקע עבודה, און אויף דעם קומט א ספעציעלער שכר.

דוד המלך זאגט: ״מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל״. די עיקר גרויסקייט און גדלות פון א איד איז, אז ער איז מקיים נישט נאר די חוקים ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נאר אפילו די משפטים – אלע דינים וואס דער שכל און דער טבע זענען מחייב – טוט ער נישט צוליב זיין שכל אדער פארשטאנד, און נישט ווייל דער טבע פאדערט עס. ער טוט עס נאר ווייל אזוי וויל דער אייבערשטער, און ער איז זיך משעבד און מכניע בלויז צום רצון השם.

### דער חילוק צווישן די ערשטע און צווייטע עשרת הדברות

זאגט דער ערוך השולחן: ביי די עשרת הדברות אין פרשת ואתחנן שטייט ״כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ״. דאס מיינט אז דו זאלסט מקיים זיין כיבוד אב ואם ווייל דער אייבערשטער האט דיר באפוילן, און נישט ווייל דער שכל אדער דער טבע זענען מחייב. עס שטייט דאך ״כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ״. פארוואס ביי די דיברות הראשונות אין פרשת יתרו שטייט נישט ״כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ״?

נאר ווייל ביי מתן תורה זענען די אידן געווען אויף א גאר הויכע מדרגה. ״וּבְנֵי עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם״, זאגט דוד המלך אין תהלים (קאפיטל פ״ב), מיר זענען געווען ממש ווי מלאכים, ווי שרפים, חיות און אופנים. יענע צייט זענען אידן געווען אויף אזא מדרגה אז זיי האבן אלעס געטון פשוט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן. אבער די דיברות האחרונות אין פרשת ואתחנן זענען שוין געזאגט געווארן נאכן חטא העגל, דעריבער האט די תורה געדארפט אנווארענען אז מען זאל עס טון ״כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ״ – נישט ווייל דער שכל איז מחייב, נאר ווייל דער הייליגער באשעפער האט אונז באפוילן.

### די מעשה פון דמא בן נתינה און די שייכות צו פרה אדומה

די גמרא אין מסכת קידושין ברענגט די מעשה פון דמא בן נתינה. רבי יהודה זאגט משמיה דשמואל, אז די תלמידים האבן געפרעגט פון רבי אליעזר: ביז ווי ווייט דארף מען גיין מיט די מצוה פון כיבוד אב ואם? האט ער זיי דערציילט די מעשה פון דמא בן נתינה, אז די

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

חכמים האבן געזוכט שטיינער פארן אפוד, און זיי זענען געווען גרייט צו צאלן זעכציג ריבוא (זעקס הונדערט טויזנט) אלס שכר פאר די שטיינער. רב כהנא זאגט אפילו אז ס'איז געווען אכציג ריבוא. אבער די שליסלעך פון די קאסטן וואו די שטיינער זענען געלעגן, זענען געווען אונטערן קאפ פון זיין טאטן וואס האט דעמאלטס געשלאפן, און ער האט נישט געוואלט אויפוועקן זיין טאטן. ער האט מוותר געווען אויף אסטראנאמישע סכומים, מ'רעדט דא ממש פון ביליאנען. א יאר שפעטער איז ביי אים געבוירן געווארן א פרה אדומה. זענען די חכמי ישראל געקומען צו אים און געזאגט: "וויפיל געלט דו ווערסט נאר בעטן וועלן מיר דיר געבן, מיר דארפן דעם פרה אדומה; בעט וויפיל דו ווילסט." האט ער געענטפערט: "ניין, איך וויל נאר די סכום געלט וואס איך האב פארלוירן צוליב די מצוה פון כיבוד אב ואם."די גמרא זאגט דארט: מה דאך אינו מצווה ועושה האט באקומען אזויפיל שכר, איז א מצווה ועושה אוודאי על אחת כמה וכמה.

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער קשר צווישן כיבוד אב ואם פון א גוי ביז א פרה אדומה? וואס איז דער צוזאמשטעל פון כיבוד אב ואם פון א גוי צו פרה אדומה? נאר וואס דען? די תורה וויל אונז ווייזן אז ביי פרה אדומה איז יעדער מודה אז עס איז אן א טעם, עס איז א חוק בלי טעם, "זאת חקת התורה", מיר פארשטייען עס נישט. די זעלבע זאך איז מיט כיבוד אב ואם; עס איז געבוירן געווארן א פרה אדומה צו ווייזן אז מיר זאלן נישט מקיים זיין כיבוד אב ואם אזוי ווי א גוי – ווייל עס איז שכל'דיג אדער ווייל עס איז די טבע – נאר מיר וועלן עס מקיים זיין פונקט ווי פרה אדומה.

דער הייליגער רבי יוסף שאול, דער "שואל ומשיב", האט נאכגעזאגט בשם דעם קצות, אז פון הימל האט מען מרמז געווען פאר דעם גוי אז ער האט טאקע פארלוירן דעם שכר; ער האט פארלוירן די גרויסע געלטער צוליב דער מצוה. אבער מיר אידן פארלירן נישט, ווייל מיר טוען עס נישט מיט שכל, נאר מיר טוען עס פונקט ווי פרה אדומה, אלס א חוק בלי טעם. און מיט דעם איז ארויסגעקומען א געוואלדיגער קידוש השם.

**פראקטישע הדרכה: זיך פירן צו די עלטערן מיט אמת'ע הכנעה**

איז הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די ערשטע זאך דארפן מיר פארשטיין אז דאס איז נישט קיין מצוה שכלית; דאס איז א מצוה וואס מ'טוט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, און מ'טוט עס פאר'ן אייבערשטן אליין. עס איז נישט שייך צו זאגן: "מיין טאטע שרייט אויף מיר, מיין מאמע קריטיקירט מיר, מיין טאטע טוט דאס און מיין מאמע טוט יענץ, איך קען עס נישט אויסהאלטן, איך קען זיי נישט קוקן אין פנים." פונקט ווי דו קענסט נישט זאגן אז דו קענסט נישט קוקן דעם שבת אין פנים אריין, אדער דו קענסט נישט קוקן די חלה אין פנים אריין, אדער די סוכה אין פנים אריין. "די סוכה מאכט מיך נערוועז" – מען קען אזא זאך נישט זאגן אויף קיין שום מצוה אין די תורה. אויף כיבוד אב ואם קענסטו דאס נישט זאגן, און דו טארסט דאס נישט זאגן. דאס איז דיין מצוה, א חוק בלי טעם, און מ'טאר נישט אריינלערנען קיין אייגענע פשטים אדער מאכן אייגענע הנחות. "דאס איז יא א חלק פון די מצוה, און דאס איז נישט קיין חלק פון די מצוה" – אזוי ווי מ'הערט היינט ליידער, ליידער, די יונגווארג זאגן: א טאטע און א מאמע זענען געמאכט געווארן מען זאל זיי רופן צו שמחות, זיי זאלן באשיינען דעם אויבנאן ביי די שמחה, אבער זיך איבערשמועסן מיט זיי, דורכשמועסן מיט זיי די פרטים פון די שמחה, אויסהערן וואס זיי האבן צו זאגן, אז זיי זאלן זיין שותפים אין א חלק פון די שמחה – דאס קומט שוין נישט אריין. מען האלט שוין ממש ביי א מצב וואו די קינדער באהאלטן זאכן פון די עלטערן.

די עלטערן לעכצן מיטצוהאלטן און וויסן וואס עס טוט זיך ביי די קינדער, וואס עס טוט זיך ביי די אייניקלעך. עלטערן ווילן זאגן א מיינונג, עלטערן האבן א מיינונג, און עלטערן דארפן זאגן. **מיר זענען סובל אונזערע עלטערן ווייל מיר זענען סובל דעם אייבערשטן, ווייל מיר זענען סובל די תורה.** איך בין נישט מכבד מיין טאטע און מאמע ווייל איך האב זיי ליב, און איך בין נישט מכבד מיין טאטע און מאמע ווייל זיי האבן מיך ליב, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מיך ליב און איך האב ליב דעם אייבערשטן; איך טו די מצוה ווייל דאס איז דער רצון השם. ובפרט ספעציעל ווען דער אייבערשטער גיט מיר אזא שכר פון "למען ייטב לך והארכת ימים".

**פארמיידן צער און אנגעצויגנקייט ביי די עלטערן**

אין ספר חסידים ברענגט ער: ווען איינער גייט ארויס פון שטאט און ער גייט צו א מקום סכנה, און דער טאטע און די מאמע פאסטן אז ער זאל עס דורכגיין בשלום, אדער אפילו אויב זיי פאסטן נישט, נאר זיי האבן פשוט א צער אז דאס קינד געפינט זיך יעצט אין א מקום סכנה, איז א מצוה אויפ'ן זון, ווען ער גייט ארויס פון די סכנה, אז ער זאל דינגען א שליח פאר געלט ער זאל אריבערטראגן א בריוו צו זיין טאטע און מאמע אז ער איז שוין ארויס פון די סכנה און ער איז אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה געזונטערהייט, כדי זיי זאלן נישט האבן קיין צער, זיי זאלן נישט דארפן פאסטן, און זיי זאלן נישט לעבן אין אן אנגעצויגנקייט.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת שופטים כו מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס זענען דא עלטערן וואס ווען די קינדער געפינען זיך אויף א פליגער, אויף א שיף, אדער אויף אן אויספלוג, זענען זיי זייער אנגעצויגן. און וויבאלד זיי זענען אנגעצויגן, האבן זיי א צער. זאגט דער ספר חסידים אז עס איז דא א חיוב אפילו צו באצאלן געלט, אבי אראפצונעמען דעם צער און די אנגעצויגנקייט פון די עלטערן.**

**יעצט שטעלט אייך פאר, הייליגע לעכטיגע קינדער, ווען מיר זיצן אין אונזערע הייזער און אונזערע עלטערן האבן א צער ווייל זיי ווערן געוואויר פון שכנים אדער פון אנדערע בני משפחה זאכן וואס טוען זיך אפ ביי זייערע אייגענע קינדער**; די בושה און דעם צער קען מען דאך נישט ארויסברענגען מיט ווערטער. מיר דארפן שטענדיג געדענקען צו מאכן זיכער אז אונזערע עלטערן ווייסן אלעס וואס טוט זיך מיט אונז, אז זיי זאלן זיין קלאר, כדי עס זאל נישט זיין גארנישט וואס זיי זאלן דארפן געוואויר ווערן איבער אונזער לעבן פון אנדערע מענטשן און האבן דערפון א צער.

אדער אסאך מאל האבן די עלטערן צער ווייל זיי ווייסן פשוט נישט וואס טוט זיך. ווען איינער פרעגט זיי: ״וואו ארבעט דיין זון? וואו ארבעט דיין שנור? אין וועלכע מוסד גייט דיין אייניקל?״ און זיי דארפן ענטפערן: ״אוי, איך ווייס נישט!״

הייליגע לעכטיגע קינדער, איר דארפט אינזין האבן צו זאגן פאר אייערע עלטערן זיי זאלן אלעס וויסן, כדי זיי זאלן קיינמאל נישט דארפן דורכגיין דעם צער און די בושה פון נישט וויסן. א טאטע און א מאמע, א זיידע און א באבע דארפן אלעס וויסן. דאס איז נישט די חיוב פון די אייניקלעך – כאטש מיר וועלן נאך לערנען אז זיי האבן אויך א געוויסע חיוב – נאר דאס איז די חיוב פון די קינדער צו אינפארמירן זייערע עלטערן. הצלחה וברכה און סיעתא דשמיא.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**די יארצייטן פון הייליגן טאהשער און ספינקער רבי'ן זי״ע**

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת שופטים, כ״ז מנחם אב תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער! היינט געפאלט די יארצייט פון צוויי גדולי וצדיקי הדור: רבינו הגאון והקדוש רבי משולם פייש בן רבי מרדכי מטאהש זצוק״ל, און רבינו הגאון והקדוש רבי שמואל צבי בן רבי אברהם אביש מספינקא זצוק״ל. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז בזכותם זאל מען פועלן כל מיני ישועות; זיי זאלן זיין מליצי יושר פאר'ן גאנצן כלל ישראל, מ'זאל פועלן אך טוב וחסד, און אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון. א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר פאר אלע אידן, אמן כן יהי רצון.

**דעם באשעפער'ס הנהגה: מיטגיין מיט'ן רצון הבורא**

א מרביץ תורה פארציילט, אז ער איז אמאל אריינגעגאנגען צום הייליגן צדיק ר' הערשעלע ספינקער זצוק״ל זיך באקלאגן, אז ס'איז דא א געוויסע התרשלות אין די ישיבה וואו ער דינט אלס מרביץ תורה. ער האט געטענה'ט אז ער קען נישט ארבעטן מיט די בחורים וויבאלד די עלטערן ארבעטן נישט מיט. פארוואס ארבעטן די עלטערן נישט מיט? ווייל זיי אליין זענען אויך נישט יורד לעומקן של דברים און פארשטייען נישט די טיפקייט פון די התרשלות, ממילא קאאפערירן זיי נישט און ס'איז זייער שווער צו ארבעטן מיט די בחורים. ער האט געפרעגט דעם ספינקער רבי'ן אן עצה וואס מ'קען טון, אדער אפשר זאל מען גארנישט טון און די הנהלה זאל אויך נאכלאזן.

דער הייליגער רבי הערשעלע ספינקער זצ״ל האט, כדרכו בקודש, צוגעמאכט די אויגן און זיך שטארק פארטראכט. דערנאך האט ער אנגעכאפט דעם מרביץ תורה מיט ביידע הענט און אים א פרעג געטאן: ״זאג מיר, זאג מיר, ווער האט איינגעשטעלט די וועלט אין דעם מצב? האבן מיר עס אזוי איינגעשטעלט, אדער דער בורא כל עולמים האט עס אזוי אויסגעשטעלט?״

האט דער מרביץ תורה געענטפערט: ״אוודאי האט דער הייליגער באשעפער אלעס געמאכט; מיר טוען דען עפעס?״ האט דער הייליגער רבי הערשעלע ספינקער אויסגעפירט: ״וויסן זאלסטו, **אזוי ווי דו זעסט די וועלט און ווי אזוי זי פירט זיך, דאס איז דער רצון פונעם הייליגן באשעפער, אז די וועלט זאל זיך יעצט אזוי פירן אין דעם מצב**. ס'איז נישט שייך זיך צו באקלאגן אויף די הנהגה פונעם אייבערשטן. **וואלט געווען דער רצון הבורא אז די וועלט זאל אנדערש אויסזען, וואלט זי אנדערש אויסגעזען**. מיר דארפן מיטגיין מיט דעם רצון הבורא; ווי אזוי דער הייליגער באשעפער האט אויסגעשטעלט די וועלט, מיט דעם דארפן מיר מיטגיין. מיר דארפן טון דאס בעסטע וואס שייך און וואס עס איז אין אונזערע יכולות צו טון, מער פון דעם פארלאנגט דער אויבערשטער נישט. די איבריגע וועט דער הייליגער באשעפער משלים זיין.״

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס זענען געוואלדיגע ווערטער פאר א מענטש אין יעדן מצב, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות. ווען א מענטש פאלט אריין אין א מצב פון פחדים, פארלוירנקייט, יאוש, אדער דערשראקנקייט; ער זעט ווי די משפחה צעפאלט, ס'געשעט עפעס מיט די קינדער, די מוסדות, די בתי מדרשים, אדער ביי כלל ישראל – מ'זעט אז דער מצב איז עפעס געפערליך. אויב מ'קען עפעס טון, דארף מען אוודאי טון, און דאווענען דארף מען אויך, אבער די איבריגע זאכן? דארף מען זיך מחזק זיין אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און אלעס טוט נאר דער אייבערשטער. **די וועלט זעט אויס פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער וויל זי זאל אויסזען**, און מיר דארפן מיטגיין דערמיט מיט אמונה פשוטה. מיר קענען גארנישט און מיר טוען גארנישט; אלעס, אלעס טוט דער הייליגער באשעפער כביכול מיט א השגחה פרטית, און מיר אליין טוען גארנישט. דאס זענען מורא'דיגע ווערטער און א געוואלדיגע חיזוק.

**וויאזוי זאגט מען מוסר פאר אנדערע? די עניוות פון רבי ספינקא רבי**

דער מרביץ תורה דערציילט, אז ער האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן ספינקער רבי'ן: ווען א מרביץ תורה זאגט מוסר פאר תלמידים, וויאזוי קען ער עס זאגן? ער האלט דאך נישט ביי די מדרגה, און ער שפירט דעם ענין פון ״קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים״. האט אים רבי הערשעלע ספינקער געענטפערט צוויי תשובות. די ערשטע תשובה איז: צי זאגט מען דען מוסר פאר יענעם? מען זאגט דאך פאר זיך אליין, נאר מען לאזט יענעם הערן. א מענטש, ווען ער זאגט מוסר, דארף טאקע טראכטן אז ער זאגט באמת מוסר פאר זיך אליין. די צווייטע תשובה וואס ער האט אים געענטפערט איז: בעצם דער איד וואס זאגט דעם מוסר, אפילו ער געפינט זיך נאכנישט אויף יענע מדרגה, אבער ער וויל דאך אנקומען צו די מדרגה און ער האט אן אמת'דיגן רצון דאס צו דערגרייכן. אין דעם פונקט איז ער יא ״דערביי״, ער האט דעם עכטן רצון אז ער וויל דארט זיין, און ממילא קען ער עס יא זאגן, ווייל ער שטייט ביי דעם רצון אז ער וויל דארט אנקומען.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'זעט דא די עניוות, די אמת'ע הארץ פון רבי הערשעלע ספינקער, אז ער האט באמת נישט געהאלטן אז ער זאגט מוסר פאר יענעם; ער האט געזאגט מוסר פאר זיך אליין. ער האט זיך אויסגעשמועסט הויך, אבער ער האט גערעדט צו זיך. ער האט באמת געשפירט אז ער געפינט זיך אין אזא מצב וואס ער דארף אליין די מוסר וואס ער זאגט. דאס איז אמת'ע ענווה, דאס איז אן אמת'ע שפל ברך, און צוליב דעם האט עס אזוי נושא חן געווען און איז אזוי נתקבל געווארן. מ'קען זאגן אז דאס איז דער פשט פון "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב" – אויב א מענטש, ווען ער זאגט עפעס, זאגט ער עס פאר זיין אייגן הארץ און עס גייט באמת אריין אין אים, דאן וועט עס אויכעט אריינגיין אין א צווייטנ'ס הארץ.

**די מדרגה פון אהבת ישראל: זיך מיטפרייען ביי יענעמ'ס שמחה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! רבי הערשעלע ספינקער זצ"ל האט אמאל געזאגט פאר א חתן נאך די חתונה, אז ער איז געווען ביי זיין שמחה און זיך משתתף געווען מיט א גאנץ הארץ: "**איך האב מיך געפרייט ביי דיין שמחה מער ווי איך פריי מיך ביי מיינע אייגענע קינדער.** ביי די אייגענע קינדער האט מען אמאל מורא זיך צו פרייען, ווייל מ'וויל נישט נהנה זיין צופיל פון די וועלט און מ'וויל נישט אויסנוצן דעם שכר אויף דער וועלט; אבער ביי א צווייטנס שמחה קען מען זיך פרייען בתכלית השלימות."

איר הערט א מדרגה? ביי זיין אייגענע שמחה האט ער מורא געהאט, אפשר האט ער עפעס אן הנאה פון עולם הזה, אדער אפשר גייט ער באקומען זיין שכר אויף דער וועלט פאר די געוואלדיגע שמחה. אבער ביי יענעמ'ס שמחה, וואו עס איז נישט דא קיין שום אייגענע הנאה, קען מען זיך מיטפרייען מיט א פיל גרעסערע שמחה און מיט א מער לב שלם ווי ביי אן אייגענע קינד'ס שמחה. דאס איז די הויכע מדרגה פון אהבת ישראל.

**זיך לאזן פירן פונעם באשעפער מיט אמונה ותמימות**

דער ספינקער רבי האט אויך אמאל געזאגט: ביים סדר נאכט זאגט מען "שולחן עורך", און די קינדער טייטשן עס אז מ'עסט און מ'טרינקט און מ'לאזט זיך וואוילגיין לכבוד יום טוב. האט ער געזאגט אויף דעם מורא'דיגע ווערטער: אסאך מאל וויל מען פירן א מענטש בדרך הטוב און אים שטעלן אויף די ריכטיגע וועגן. דער אייבערשטער וויל אז דער מענטש זאל טון וואס איז ריכטיג און ער וויל אים העלפן ער זאל נאר טון גוטס און גיין בדרך הישר. אבער דער מענטש ווייסט עס נישט, ער כאפט עס נישט, און ער לאזט זיך נישט פירן. פסח ביי דער נאכט, ווען מ'קריצט אריין אמונה אין דעם מוח און אין אלע אברים זאגט מען אז מען לאזט זיך וואוילגיין; דאס הייסט, מען לאזט דעם אייבערשטן אונז פירן אזוי אז עס זאל אונז גוט זיין. דאס האט ער אויסגעטייטשט: "מען לאזט זיך וואוילגיין" מיינט אז מען לאזט זיך פירן פונעם אייבערשטן, כדי מיר זאלן קענען גיין בדרך הישר ובדרך הטוב. עס איז נישטא קיין "כחי ועוצם ידי". אזוי האט דער הייליגער ספינקער רבי געלעבט זיין גאנץ לעבן; ער האט זיך געלאזט פירן פונעם אייבערשטן. צוליב דעם איז ער אנגעקומען צו אזעלכע הויכע מדרגות מיט אמונה פשוטה, מיט תמימות, מיט בטחון, און מיט דביקות הבורא.

**א סגולה פאר שידוכים: הכנעה און דאנקען אויף וואס מ'האט**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעצט הערט זיך צו: אזויפיל אידן דארפן זיווגים שידוכים, אזויפיל אידן קוקן שוין ארויס עס זאל שוין אויפלייכטן ביי זיי אין שטוב. האבן מיר דא א סגולה פון דעם צדיק קדוש וטהור, רבינו שמואל צבי בן רבי אברהם אביש מספינקא זצוק"ל.

רבי אלחנן יוסף הערצמאן האט דערציילט אז ער האט עס געהערט כלי ראשון פון א איד וואס האט געהאט א שטוב מיט קינדער, און עטליכע קינדער זענען שוין געווען אין די יארן פון שידוכים אבער עס איז גארנישט געגאנגען; עס איז געשטאנען א גאנצע שורה פון קינדער. זענען זיי אריינגעגאנגען צו רבי הערשעלע ספינקער פרעגן אן עצה, וויאזוי מען קען פועל'ן אז עס זאלן קומען שידוכים און די קינדער זאלן זיך רוקן איינער נאכן צווייטן, צו טרעפן זייער ריכטיגן זיווג און געהאלפן ווערן.

האט דער הייליגער רבי הערשעלע ספינקער געזאגט פאר דעם איד ער זאל טון דאס וואס ער אליין טוט. וואס טוט דער הייליגער רבי הערשעלע ספינקער אלס א סגולה פאר שידוכים? **ווען מען טראגט אן א שידוך, זאלסטו זאגן: "רבונו של עולם, איך בין דאך אזא מין שלימזל, מיינע קינדער זענען דאך נישט די בעסטע, און דאך קומען נאך שדכנים צו מיר אין שטוב אנטראגן שידוכים? איך דאנק דיר זייער!"** ווייל אין הימל וויל מען הכנעה. דער איד האט טאקע געטון די עצה, און ער האט שנעל חתונה געמאכט איין קינד נאכן צווייטן.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הייליגע לעכטיגע קינדער, לאמיר אריינטראכטן: ווען מ'רעדט איבער שידוכים, שפירן מענטשן אז ס'קומט זיך זיי אזוי; די שדכנים דארפן רופן. דאס אליין וואס איך האב א קינד אין די יארן פון שידוכים, איז שוין א סיבה אז מ'זאל מיך רופן. איך האב דאך א קינד וואס האט א גוטן נאמען, א גוטער בחור אדער א גוט מיידל, אן ערליכער, מיט כשרונות און טאלאנטן, שיינע צורות; איך האב געלט, איך האב יחוס, איך האב א גוטן נאמען, וכדומה. אזוי שפירט א מענטש, ווי איינער וואס זאגט אז ס'איז פשוט אז שידוכים דארפן קומען צולויפן.

זאגט דער הייליגער רבי הערשעלע ספינקער: ניין, ניין, נישט אזוי קומען שידוכים. שידוכים קומען מיט הכנעה. שידוכים קומען דעמאלטס ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן און ער שפירט אז א שידוך איז א מתנת חנם פונעם אייבערשטן, און ס'קומט אונז גארנישט. מיר דארפן זען אין דעם נסים ונפלאות, "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו" – מיר דארפן זיך וואונדערן. "איך בין אזא שלימזל, מיינע קינדער זענען נישט די בעסטע, און מיר טראגט מען נאך אן שידוכים!?" ווען א מענטש זאגט דאס מיט אן אמת און מיט ישוב הדעת, זעט מען אין הימל די הכנעה, און דאס איז די סגולה פאר שידוכים.

אגב, זעט מען דא די צדקות, די תמימות, די ערליכקייט און די שפלות הרוח און ענוה פון דעם הייליגן ספינקער רבי'ן זכר צדיק וקדוש לברכה; אז ער האט געשפירט אז דאס איז די סגולה דורך וועלכע ער האט זוכה געווען צו מאכן שידוכים מיט די קינדער. הפלא ופלא!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר עס אלע אויספראווון. און בזכות רבינו שמואל צבי ורבי אברהם אביש זאל מען טאקע זוכה זיין צו זיווגים הגונים. מ'זאל דא אויף די ליניע קענען מבשר זיין בשורות טובות ונחמות אז די סגולה האט געארבעט, און מיר וועלן מפרסם זיין אז די סגולה האט געארבעט און ווייטער מפרסם זיין די סגולה לעילוי נשמת דעם צדיק, און מפרסם זיין דאס ענין פון הכנעה, אמונה און בטחון.

**דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע די ברייטע הארץ פאר ארימעלייט און די הנהגה פון צדקה**

היינט געפאלט די יארצייט פונעם הייליגן טאהשער רבי'ן זכר צדיק וקדוש לברכה, רבינו משולם פייש ב"ר מרדכי, זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אלע אידן.

א איד האט דערציילט א הפלא'דיגע מעשה: אינעםווארטן-צימער פונעם טאהשער רבי'ן איז געזעסן אן ארימאן וואס איז שוין דארט געווען פריער. שפעטער איז אריינגעקומען א גרויסער עושר, ער איז אויך געזעסן דארט און געווארט אריינצוגיין צום רבי'ן. דער רבי איז אדורכגעגאנגען דעם ווארטן-צימער און באמערקט סיי דעם ארימאן און סיי דעם עושר. דער רבי איז אריין אין זיין צימער און געטראכט ביי זיך: "דער ארימאן איז דאך אן עני ואביון מגוזלו, ער דארף דאך האבן אסאך געלט." דעם רבי'נס ווארעם אידיש הארץ, דאס הייליגע הארץ, האט אים געזאגט אז ער וויל העלפן דעם איד. אבער וויאזוי קען ער אים העלפן? דער רבי האט נישט געהאט קיין פרוטה צו געבן, ווייל ער האט שוין אלעס פריער פארטיילט. פלוצלינג האט זיך דער רבי דערמאנט אז דער עושר איז דאך דא. יעצט שטעלט אייך פאר, דער עושר איז דאך געקומען געבן געלט פארן רבי'ן; ער איז נישט געקומען געבן געלט פאר דעם ארימאן וואס זיצט דארט אין זאל און ווארט. אבער דער רבי האט מחליט געווען אז ער גייט ארויסבאקומען פונעם עושר א גרויסן סכום געלט, כדי עס נאכדעם צו געבן פארן ארימאן. מען האט אריינגערופן דעם עושר ערשט, בשעת מען האט געלאזט דעם ארימאן ווייטער ווארטן, און דער רבי האט ארויסגענומען פון אים א סכום פון צען טויזנט דאלער וואס ער האט געגעבן פארן רבי'ן. דער עושר האט דאס געלט געגעבן פארן רבי'ן מיט א גרויסע שמחה.

דער עושר איז ארויסגעגאנגען, און מ'האט אריינגערופן דעם עני. דער עני איז געווען צעבראכן און צוקלאפט, און אזוי פארשעמט. ער האט געזאגט: "רבי, איך האב געמיינט אז אין טאהש איז דא אמת, אבער ס'איז פול מיט חנופה און פול מיט שקר; אלעס גייט מיט אייגענע אינטערעסן. ווייל איך בין אן עני האט מען מיך געמעגט אזוי מבזה זיין? מ'זאל מיר לאזן ווארטן לענגער, און מ'זאל מכבד זיין דעם עושר נאר ווייל ער האט געלט? וואס בין איך שולדיג אז איך האב נישט קיין געלט, אז מ'האט מיך אזוי פארשעמט, אזוי אוועקגעשטופט און אזוי מרחיק געווען?"

דער רבי האט אים גארנישט געענטפערט, נאר אים איבערגעבעטן כדרכו בקודש און זיך אנטשולדיגט. דער רבי האט אים דערלאנגט דעם טשעק פון צען טויזנט דאלער, און דער עני איז ארויסגעגאנגען זייער פריילך.

אויפ'ן וועג אהיים איז דער עני געפארן אינאיינעם מיט'ן עושר. דער עושר האט באמערקט דעם טשעק וואס ער האט יעצט געגעבן פאר'ן רבי'ן אין דעם עני'ס האנט – די גאנצע צען טויזנט דאלער. האט דער עושר געזאגט פאר'ן עני אז ער האט עפעס פארגעסן און ער מוז נאך עפעס זאגן פאר'ן רבי'ן, און ער איז צוריקגעפארן צום רבי'נס הויז. ער איז אריין צום רבי'ן און געזאגט: "איך מיש מיך נישט אריין אין

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דעם רבינ׳ס געשעפטן, אבער וואס טוט זיך דא? דער רבי האט בכלל נישט געעפנט דעם קאנווערט און אפילו נישט געקוקט וויפיל געלט ס׳איז דארט דא. איך האב דאך געזען אז דער רבי האט נישט געקוקט, און פונדעסטוועגן האט דער רבי געגעבן פאר איין מענטש צען טויזנט דאלער!״

האט דער רבי געזאגט: ״איך דארף נישט קוקן. דער עני דארף וויסן וויפיל דו האסט געגעבן, נישט איך. ווייל ווען מען גיט מיר געלט, גיט מען עס פאר זיינע עניים.״ דאס איז איין מדרגה פון צדקה.

**אמונה אין באשעפער ברענגט עשירות און שמחה**

אבער דער רבי האט ארויסגעברענגט פון דער מעשה נאך א געוואלדיגן מוסר השכל. מיר לעבן אויף דער וועלט, און אזוי פיל מאל פילט א מענטש צוקלאפט, פארשעמט, אומבאליבט, דערוויייטערט, און אז קיינער האט אים נישט ליב. ער פילט: ״איך בין אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, איך דאווען נישט, איך לערן נישט; מיינע עלטערן, מיין משפחה, מיינע מחנכים און די מענטשן ארום מיר האבן מיך נישט ליב; איך בין נישט קיין באליבטער מענטש און נישט קיין געלונגענער מענטש.״ עס זענען דא אזוי פיל שוועריגקייטן וואס מענטשן גייען אדורך אויף דער וועלט, וואו זיי פילן זיך צוקלאפט, דערנידערט, פארשעמט און זייער מיואש ביי זיך.

אבער ווען א מענטש גלייבט אז דאס אלעס איז פאר זיין טובה ווען, פאר זיין עשירות – פונקט ווי דער ארימאן וואס, אויב ער וואלט געוויסט אז דער רבי גייט ארויסנעמען צען טויזנט דאלער פונעם עושר, וואלט ער אליין געבעטן אז דער עושר זאל מען קודם אריינפירן. **ווען מיר זאלן גלייבן אינעם הייליגן באשעפער, אז ער זארגט פאר אונז, וואלט קיינער פון אונז נישט געווען צוקלאפט, דערוויייטערט אדער פארשעמט. דער אייבערשטער זארגט פאר אונזער עשירות, פארן ״ברכת ה׳ היא תעשיר״. גלייב אין דעם, לעב אין דעם, און האב א פשוט׳ע אמונה אין דעם. לעב בשמחה און לאז נישט נאך קיין איין רגע, וועסטו** זען דער אייבערשטער וועט דיר עפענען די אויגן, און דו וועסט קענען זען די ישועות ה׳ כהרף עין.

**א גאניטע אויג צו היטן יענעמ׳ס כבוד און געפילן**

מען דערציילט אויפן טאהשער רבין זצ״ל וויאזוי ער האט געהאט א גאניטע אויג און א געפיל מכבד צו זיין אנדערע מענטשן און נישט וויי צו טון קיין שום איד. איינמאל איז ער אריינגעקומען פרייטיג צונאכטס צום טיש, און ער באמערקט אז אויפ׳ן בענקל לעבן אים, וואו עס זיצט געוויינליך דער האדאסער רבי, רבי אביגדור דניאל פיש שליט״א - וואס איז אן איידעם פונעם רבין - זיצט דארט א שיינער איד. ארויסצוריקן א שיינעם איד פון זיין פלאץ, אוי, ווער עס האט געקענט דעם טאהשער רבין ווייסט אז דאס איז ביי אים נישט געווען אזא פשוט׳ע זאך. מצד שני, אויב דער איידעם וועט אנקומען און ער וועט אים דארפן זעצן נאך דעם שיינעם איד, וועט ער דאך ווערן פארשעמט. דער רבי האט געטראכט א רגע, און דערנאך געזאגט פארן הויז-בחור: ״גיי זאג פארן איידעם״ - פאר׳ן האדאסער רבין - ״אז דער רבי איז זייער הייזעריג און ער וועט מארגן נישט קענען ליינען.״ דער רבי פלעגט דאך זיין דער בעל קורא. ״דער רבי בעט ער זאל בלייבן אינדערהיים און נישט קומען צום טיש, נאר ער זאל זיך גוט פארקוקן די סדרה כדי ער זאל קענען ליינען אנשטאט דעם רבין.״ מיט דעם קלוגן שריט האט דער רבי מסדר געווען יעדנ׳ס כבוד: רבי אביגדור דניאל פיש האט נישט געוואוסט אז ער איז געבליבן אינדערהיים נאר ווייל זיין קביעות׳דיגע פלאץ איז געווען פארנומען; פארקערט, ער האט זיך געפילט זייער מכובד אז דער רבי האט אים מכבד געווען צו ליינען אנשטאט אים. און דער אנדערער איד איז אויך נישט געווארן פארשעמט, ער איז געבליבן זיצן אויף זיין ארט און קיינער האט אים נישט וויי געטון.

אוי, פון וואו נעמט מען אזא הארץ? פון וואו נעמט מען אזא ליבשאפט צו אידישע קינדער? הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער,

**זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום באשעפער און לעבן בשמחה**

מיר וועלן מסיים זיין מיט א ווארט וואס דער הייליגער טאהשער רבי זאגט אין ״עבודת עבודה״. דער טאהשער רבי זאגט, אז א מענטש זאל זיך צוגעוויינען שטענדיג צו רעדן צום אייבערשטן. **אז מען רעדט צום אייבערשטן, איז מען שטענדיג בשמחה ובחדוה ובטוב לבב**. א מענטש וואס געוויינט זיך צו שטענדיג נאר צו רעדן צום אייבערשטן, ער ווייסט, גלייבט און אנערקענט אז ער קען נישט האבן קיין שום ישועה פון קיין שום בריאה אויף דער וועלט, פון קיין שום זאך אין דער עולם-הזה׳דיגער וועלט, נאר פונעם אייבערשטן אליין; דאס איז ווייל ער האט זיך צוגעוווינט אז ער רעדט און רעדט צום אייבערשטן. נאר דער אייבערשטער העלפט, נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן, און נאר דער אייבערשטער וויל אונז העלפן. ער גלייבט אז דער אייבערשטער האט אונז ליב, ווייל דער אייבערשטער זאגט: ״אהבתי אתכם אמר ה׳״, אזוי זאגט דער פסוק אין מלאכי (פרק א׳, פסוק ב׳). ווען א מענטש גלייבט אין דעם, איז ער שטענדיג

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

בשמחה, **און עס ווערן בטל אלע מיני צער און אלע מיני רגזנות וואס איז נאר שייך**.

שטעל דיך פאר, זאגט דער טאהשער רבי, א מענטש האט א גוטן פריינט וואס איז פיל נענטער צו אים ווי א ברודער, און וואס אימער ער בעט אים, גיט ער אים. דער חבר וויל אים שטענדיג העלפן, טון גוטס, אים מכבד זיין, און טון פאר אים וואס ער נאר קען. וועט דער חבר, דער מקבל, נישט זיין מורא׳דיג בשמחה און רואיג? אוודאי! ער וועט שטענדיג זיין בשמחה, און ער וועט האבן א געוואלדיגן תענוג, א רואיגקייט און א געשמאק אין לעבן. קל וחומר בן בנו של קל וחומר, ווען א מענטש שפירט אז **דער הייליגער באשעפער, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס מלא כל הארץ כבודו, האט דיך ליב, ער וויל הערן דיינע תפילות און ער וויל דיר טון גוטס; דער אייבערשטער וויל דאך נאר טון גוטס און ער וויל נאר זען פאר יעדעם דאס בעסטע. איז דען שייך אז א מענטש זאל האבן צער אדער רוגזה אויף די וועלט? א מענטש דארף לעבן מיט דער גרעסטער מאס שמחה וואס איז נאר שייך**.

דער רבי טייטשט: ״משה״ מיינט אלע אידן, ווייל יעדער איד האט אין זיך א ניצוץ פון נשמת משה רבינו. ״ישמח משה״ – כלל ישראל, אידישע קינדער, פרייען זיך מיט וואס? ״במתנת חלקו״ – מיט דעם וואס מיר זענען זוכה צו זיין א חלק אלוקה ממעל, א חלק פונעם אייבערשטנ׳ס פאלק. ״כי עבד נאמן קראת לו״ – אז מיר קענען ווערן אנגערופן געטרייע עבדים פארן הייליגן באשעפער און פאר די תורה, דאס איז וואס משמח אונז. ״עבדו את ה׳ בשמחה״ – מען דארף דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה, און אז א מענטש לעבט אין דעם, גייט אוועק אלע עצבות, די גאנצע מרה שחורה, און אלע כעס און רגזות. מען לעבט נאר מיט שמחה, מיט אהבת הבורא, אהבת התורה און אהבת ישראל.

״ישמחו השמים ותגל הארץ״ – די ראשי תיבות זענען דעם שם הוי״ה כסדרן. אויב מען לעבט אין שמחה, ״ישמחו״ ותגל״, דעמאלטס איז דער שם הוי״ה כסדרן, און עס איז דא רחמים וחסדים גלויים.

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן עס זאל זיין אך טוב וחסד און רחמים וחסדים גלויים; זכותו יגן עלינו, און מיר זאלן זוכה זיין צו אלע השפעות טובות. זיי זאלן זיין מליצי יושר בעדינו פאר א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר פאר אלע אידן, און א לעכטיגער תמיד, אמן כן יהי רצון.

# כיבוד אב ואם

מיר ווילן אויסשמועסן די גרויסקייט און די וויכטיגקייט פון דער מצוה, ווי שטארק מען דארף קענען די הלכות און די ענינים, וויפיל מען דארף זיך אריינקאכן דערין, און ווי וויכטיג דאס איז פאר אונז אין לעבן. אזוי אויך דער געוואלדיגער זכות הרבים פון מזכה זיין דעם עולם מיט שיעורים, צו פארשפרייטן די ענינים און די מצוות מפי ספרים וסופרים איבער דער מצוה פון כיבוד אב ואם.

**די דריי שותפים: טאטע, מאמע, און דער אויבערשטער**

מיר געפינען א גמרא אין מסכת קידושין (דף ל׳ עמוד ב׳), וואו די גמרא זאגט ווערטער וואס בעצם וואלט א מענטש נישט געטארט ארויסזאגן פונעם מויל, ווען נישט דאס איז דער רצון השם אז מיר זאלן יא אזוי זאגן און טראכטן. די גמרא זאגט אז עס זענען דא דריי שותפים ווען א מענטש ווערט געבוירן; דאס מיינט אז יעדער מענטש אויף דער וועלט איז באשאפן געווארן דורך דריי שותפים: דער הייליגער באשעפער, דער טאטע, און די מאמע. דער הייליגער באשעפער פאדערט פון יעדן איד צו געדענקען: דו דארפסט וויסן אז דו ביסט באשאפן געווארן פונעם אייבערשטן, פון דיין טאטן און פון דיין מאמען. דער אייבערשטער גלייכט צו דעם טאטן און די מאמע כביכול צום הייליגן באשעפער אליין. דאס איז א גרויסע פאדערונג וואס דער אייבערשטער פאדערט דא פון אונז: **פונקט ווי דו קענסט נישט פארגעסן פונעם אייבערשטן, אזוי אויך קענסטו נישט פארגעסן פון דיין טאטע און מאמע.**

די גמרא זאגט אז דער הייליגער באשעפער זאגט: ווען איר זענט מכבד טאטע-מאמע, ווערט עס פאררעכנט ביים אייבערשטן ווי איר אנערקענט אז דער אייבערשטער געפינט זיך דא. דער אייבערשטער וואוינט צווישן אונז, און כביכול מיר זענען אים מכבד. טאמער חלילה וחס מען איז נישט מכבד טאטע-מאמע, איז עס כאילו מיר אנערקענען נישט אז דער אייבערשטער רוהט צווישן אונז, און עס איז כאילו מיר זענען נישט מכבד דעם הייליגן באשעפער. דאס זענען זייער שארפע ווערטער, אבער דאס וויל דער אייבערשטער אז יעדער איד זאל חזר׳ן, טראכטן, אנערקענען, און אזוי אנגיין אין לעבן. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן פארשטיין אז דו קענסט היטן שבת, הערן שופר בלאזן, עסן אין די סוכה און פאסטן יום כיפור, אבער פונדעסטוועגן, אויב דו ביסט נישט מקיים כיבוד אב ואם, ווערט עס פאררעכנט פארן אייבערשטן ווי דו ביסט אים נישט מכבד. **דו קענסט נישט מכבד זיין דעם אייבערשטן אן מכבד זיין דיינע אנדערע צוויי שותפים**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**– דיין טאטע און דיין מאמע.**

נאך מער, די גמרא ברענגט דארט אז דער אייבערשטער זאגט: ווען איר זענט מצער א טאטע אדער א מאמע, איז עס כאילו מען האט מצער געווען דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער זאגט אז עס איז כאילו ער וואוינט נישט צווישן אונז. ווען איינער איז מצער זיין טאטע און מאמע, איז עס כביכול כאילו ער גלייבט נישט אז עס איז דא אן השראת השכינה, ווייל די שכינה הקדושה וויל נישט רוען צווישן אונז אויב מיר זענען נישט מכבד א טאטע און א מאמע.

די גמרא ברענגט דארט נאך מער, אז די לשון אין פסוק לגבי מכבד זיין א טאטע און א מאמע און לגבי מכבד זיין דעם אייבערשטן, איז די זעלבע: "כבד את אביך ואת אמך" און "כבד את ה' מהונך". מען זעט פון דעם אז דער אייבערשטער האט עס ממש צוגעגליכן גלייך אויף גלייך. ווען א מענטש וויל מכבד זיין די שכינה, דארף ער אוודאי היטן די תורה און גלייבן אינעם אייבערשטן, אבער עס קומט נישט ארויס אז ער האט למעשה מכבד געווען די שכינה, ביז ער איז מכבד זיין טאטע און מאמע.

**מכבד זיין די עלטערן מיינט מכבד זיין די שכינה**

דער רבינו יונה אין אגרת התשובה (סוף דרש ג') שרייבט קלאר די ווערטער: ווער עס וויל מכבד זיין דעם אייבערשטן, זאל ער מכבד זיין דעם טאטן און די מאמען. ווען א מענטש איז מכבד דעם טאטן און די מאמען, באקומט ער שכר אויף כיבוד אב ואם, און אויך אויף מכבד זיין די שכינה הקדושה, דעם הייליגן באשעפער. **די גאנצע וועלט איז דאך באשאפן געווארן כדי צו מכבד זיין דעם אייבערשטן, ווי עס שטייט: "כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו". זאגט דער אייבערשטער: וויאזוי קענסטו דאס מקיים זיין? דורך מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם.**

און אזוי שטייט אויך אין ירושלמי (פאה פרק א'), אז דאס איז א מצוה חמורה שבחמורות, "הארבער פון הארב", וואס מען געפינט נישט אזא לשון אין חז"ל ביי קיין שום אנדערע פון די תרי"ג מצוות.

דא איז אויך דא א זייער שטארקע רש"י; רש"י הקדוש זאגט דא א לשון וואס ער זאגט נישט אין גאנץ תנ"ך. אין די תורה שטייט ביי די מצוה פון כיבוד אב ואם: "למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך". זאגט רש"י הקדוש: אויב וועסטו מכבד זיין טאטע מאמע, וועסטו האבן אריכות ימים, אבער "ואם לאו" – אויב נישט – "יקצרון", חלילה וחס ווערן די יארן פון א מענטש פארקירצט.

מיר זעען פון דעם אז דער הייליגער באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט, דער הייליגער באשעפער וואס האט אונז באשאפן, וואס האט אויך באשאפן אונזערע עלטערן, דער הייליגער באשעפער וואס האט אונז געגעבן די תורה, דער הייליגער באשעפער וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, וואס האט פאר אונז געשפאלטן דעם ים, וואס האט אונז אריינגעפירט קיין ארץ ישראל, וואס האט אונז געבויט דעם בית המקדש, דער הייליגער באשעפער וואס ער איז "הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים", **דער הייליגער באשעפער זאגט: עס איז נישטא קיין כיבוד ה' אן כיבוד אב ואם.**

קומט אויס אז ווען א מענטש טראכט זיך אריין, וואס איז זיין תכלית אין לעבן? וואס דארף מען אינזין האבן פיר און צוואנציג זייגער? די ערשטע זאך איז **דינען דעם אייבערשטן, מכבד זיין דעם אייבערשטן, מורא האבן פונעם אייבערשטן, און תיכף דערנאך כיבוד אב ואם, מכבד זיין טאטע מאמע און מורא האבן פון די טאטע מאמע; ווייל דער הייליגער באשעפער האט די צוויי זאכן צוזאמגעשטעלט און צוגעגליכנט איינס צום אנדערן.** דאס איז דער תכלית החיים, דאס איז די תכלית פון די תורה, דאס איז דער תפקיד פאר וואס מיר זענען אראפגעקומען אויף די וועלט, און דאס ערווארט פון אונז דער הייליגער באשעפער.

עס איז דא אן הלכה, אז ווען חלילה וחס עס גייט אוועק פון דער וועלט איינער פון די זיבן קרובים, דארף מען רייסן קריעה. אבער נאר אויף א טאטע און א מאמע דארף מען רייסן קריעה ביז עס עפנט זיך אויף דאס הארץ און מען זעט דאס פלייש פונעם הארץ. פארוואס? עס שטייט אין ירושלמי, ווייל עס איז אוועקגענומען געווארן די גרויסע מצוה פון כיבוד אב אדער כיבוד אם, אדער ביידע. דאס איז אזא גרויסע מצוה, אז ווען דאס ווערט אוועקגענומען פון א מענטש, ווערט ער אזוי צובראכן, אזוי צוקלאפט און אזוי פארשעמט, אז ער רייסט אויף זיינע קליידער ביז עס עפנט זיך אויף זיין לייב און מען זעט דאס פלייש פון זיין הארץ, וואס דאס איז א זייער ווייטאגליכע זאך. א מענטש טוט עס נישט נאר ווען ער איז זייער זייער פארוויטאגט.

**די מצוה אלס א קיום און א 'וויטאמין' פארן לעבן**

קומט דאך אויס, אז ווען מיר האבן די מצוה, דארף מען די מצוה נעמען און זיך באלעקן דערמיט, זיך אריינטון דערין, זיך אריינקאכן

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דערין און לעבן דערין. דאס דארף אונז געבן חיות, דאס דארף אונז געבן זיסקייט, דאס דארף אונז געבן א געשמאק, און מיר דארפן גדענקען: דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן דערצו א געוואלדיגע שכר פון אריכות ימים ולמען ייטב לך. אלעס וואס דו גייסט האבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט וואס איז גוט, האט דער אייבערשטער אנגעהאנגען אין דער מצוה פון כיבוד אב ואם.

פונקט אזוי ווי ביי די מצוות פונעם הייליגן באשעפער אליין געפינען מיר די חיובים פון "מכבד זיין" און "מורא האבן", האט דער אייבערשטער אויך אזוי איינגעשטעלט ביי כיבוד אב ואם, און אונז באפוילן אז מיר זאלן מכבד זיין די עלטערן און מורא האבן פאר זיי; מיר האבן אין דעם צוויי באזונדערע מצוות. די ערשטע זאך וואס א איד דארף וויסן איז, אז דאס איז מיין תפקיד אויף דער וועלט און פאר דעם ציל בין איך באשאפן געווארן.

א מענטש עסט וויל אן עסן קען מען נישט לעבן, א מענטש שלאפט וויל אן שלאפן קען מען נישט עקזיסטירן, און א מענטש וואשט זיך און היט אויף ריינקייט וויל אויב נישט, קען מען חלילה וחלילה ווערן נישט געזונט און מען וועט נישט קענען מאריך ימים ושנים זיין. ווען א מענטש שפירט נישט גוט גייט ער צו א דאקטאר, ער נעמט מעדיצינען און וויטאמינען. פארוואס טוט ער דאס? וויל ער האט א כח וואס שטופט אים: "איך וויל לעבן!" יעדע באשעפעניש לויפט און טוט אלעס פארן ציל פון "איך וויל לעבן!" מען אנטלויפט פון סכנה און מען לויפט צום לעבן; אויב א מענטש קען עפעס טון כדי צו לעבן לענגער, וועט עס יעדער איינער טון. מיר יאגן זיך נאך אונזער לעבן, מיר היטן אונזער לעבן, און מיר געבן אכטונג אויף אונזער לעבן.

**כיבוד אב ואם איז די מעדיצין און די וויטאמין פאר אריכות ימים, פאר געזונט, פאר פרנסה, פאר נחת, און פאר אלעס וואס א מענטש דארף כדי עס זאל אים זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, יעצט און אויף אייביג, לנצח נצחים, וויל די תורה איז נצחי. אין די תורה שטייט קלאר אז דאס איז די אריכות ימים פון א מענטש. אויב די תורה האט אנגעהאנגען די לאנגע יארן פון א מענטש אין כיבוד אב ואם, איז דער פשט אז עס איז אזוי ווי לופט צו אטעמען. פונקט ווי מען דארף לופט, עסן, טרינקען, ריינקייט און געזונט כדי צו קענען מאריך ימים זיין, פונקט אזוי דארף מען כיבוד אב ואם כדי צו קענען זוכה זיין צו אריכות ימים.**

כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון ציצית, דארף מען האבן א בגד וואס האט פיר עקן און מען דארף האבן וואל צו מאכן די ציצית. כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון סוכה, דארף מען האבן די אלע זאכן וואס זענען נויטיג כדי צו בויען די ווענט און לייגן דעם סכך. כדי מקיים צו זיין די מצוה פון לולב און אתרוג, דארף מען האבן א לולב, אן אתרוג, הדסים און ערבות.

כדי צו מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטן, און כלליות'דיג אלע מצוות, כדי מען זאל האבן א קיום אויף דער וועלט און מען זאל מאריך ימים זיין, מוז מען מקיים זיין כיבוד אב ואם. **כיבוד אב ואם איז דער יסוד פון די גאנצע תורה כולה,** אזוי שטייט אין די ספרים הקדושים; ובפרט ווען דאס איז אונזער אריכות ימים און דאס איז אונזער "למען ייטב לך". דער אייבערשטער זאגט: דו ווילסט עס זאל דיר זיין גוט? איך האב דיך באשאפן מיט א תנאי. דער תנאי איז, אז דו דארפסט מכבד זיין דעם אייבערשטן דורך דעם וואס דו ביסט מכבד דעם טאטן און די מאמע.

**הכרת הטוב: דער יסוד פון די מצוה**

כאטש מיר זענען מקיים די מצוות התורה אן קיין טעמים, שטייען אבער יא טעמים ביי די מצוה פון כיבוד אב ואם. דער ירושלמי אין פאה און דער חינוך אין מצוה ל"ג ברענגען, אז דורך דער מצוה פון כיבוד אב ואם געוויינט זיך א מענטש איין נישט צו זיין קיין כפוי טובה. דאס מיינט אז א מענטש איז מחויב מכיר טוב צו זיין פאר זיינע עלטערן, פשוט פאר דעם וואס זיי האבן אים אראפגעברענגט אויף דער וועלט.

**זיין גאנץ לעבן איז ער משועבד און מחויב צו זיין א מכיר טוב פאר די עלטערן,** און דערפאר האט אונז די תורה געגעבן אזעלכע הארבע מצוות, פילע הלכות און פילע זאכן וואס מיר דארפן יא טון אלס כיבוד אב ואם, און זאכן וואס מיר טארן נישט טון כדי נישט עובר צו זיין אויף כיבוד אב ואם, אדער זאכן וואס מיר טארן נישט טון אדער יא טון צוליב מורא אב ואם.

די תורה איז עס מדמה צו כיבוד שמים, צו "כבד את ה'", וויל די תורה הקדושה וויל אז א איד זאל גדענקען אונזער חיוב פון הכרת הטוב פארן אייבערשטן און נישט מסיח דעת זיין דערפון. **דער משל איז כיבוד אב ואם און דער נמשל איז מכבד זיין דעם אייבערשטן,** אבער דער הייליגער באשעפער האט צוזאמגעשטעלט דעם משל מיט דעם נמשל. ממילא דארף א איד דורכלערנען אלע הלכות, אלע מוסר ספרים, אלע חסידישע ספרים און אלע ענינים פון חז"ל וואו מען קען נאר לערנען. היינט זענען דא אסאך ספרים וואס האבן שוין צוזאמגענומען די אלע ענינים.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

די אלע ענינים דארף מען לערנען אינעווייניג אין די תורה, אינעם שולחן ערוך און אין די ספרים ארום דעם שולחן ערוך, ווי אויך אין די שאלות ותשובות ספרים, כדי דורכצוטין די דאזיגע געוואלדיגע גרויסע מצוה. דאס שטעלט אוועק יסודות אין עבודת השם און אינעם תכלית פארוואס דער אייבערשטער האט אונז באשאפן אויף דער וועלט.

**כיבוד אב ואם איז נישט קיין פרטיות'דיגע מצוה, נאר עס איז א כלליות'דיגע מצוה. הכרת הטוב ברענגט אז א איד זאל שטענדיג קענען מקיים זיין די מצוות התורה און קענען דורכמאכן די שווערסטע נסיונות.** אויב א מענטש שפירט הכרת הטוב פארן אייבערשטן, קען ער אים נישט ווידערשפעניגן. און דער אייבערשטער וויל מיר זאלן שפירן א שטארקע הכרת הטוב צו אים, דעריבער האט ער אונז געגעבן דעם משל פון כיבוד אב ואם. כיבוד אב ואם איז טאקע א משל, אבער עס איז א חיוב גמור; דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך דערין ארייןקאכן.

יעצט שטעל דיר פאר: די גרעסטע הכרת הטוב וואס איז שייך, וואס מיר קענען קוים מקיים זיין מיט אונזערע שוואכע השגות, איז די הכרת הטוב פארן הייליגן באשעפער. און דער הייליגער באשעפער זאגט: "זייט מקיים כיבוד אב ואם"; אויב וועסטו פארשטיין די הכרת הטוב פאר עלטערן, וועסטו שוין פארשטיין די הכרת הטוב פארן אייבערשטן. דאס וועט דיר ברענגען צו די העכסטע מדרגה פון הכרת הטוב וואס עקזיסטירט, וואס דאס רופט זיך הכרת הטוב פארן הייליגן באשעפער. דער הייליגער באשעפער וויל אונז אויך ווייזן ווי שטארק מיר זענען אנגעהאנגען אין אונזערע עלטערן. א מענטש זאל נישט שפירן: "מיינע עלטערן האבן מיר געבוירן, איך בין שוין גרויס, און יעצט גיי איך מיר מיין אייגענעם וועג." דער הייליגער באשעפער האט אנגעהאנגען אריכות ימים, די שכר אויף דער וועלט, כיבוד ה', מורא ה', און כיבוד אב ואם, **כדי א מענטש זאל זיין גאנצע לעבן שטענדיג שפירן משועבד און אונטערטעניגט – אז איך בין שולדיג און איך בין מחויב פאר מיינע עלטערן**.

**האלטן די מסורה דורך כיבוד אב ואם**

און איינע פון די טעמים וואס ווערט געברענגט אין די ספרים איז, וויבאלד ביי אונז כלל ישראל איז מסורת האבות דער יסוד פון קיום התורה. מיר גייען דורך אזויפיל שוועריגקייטן אין די אלע גלות'ן, און דאס וואס שטייט "שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך", "שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך", "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב" – דאס האלט אן כלל ישראל עד היום הזה ועד ביאת הגואל. דער אייבערשטער האט געוואלט אז מיר זאלן אזוי חשוב האלטן אונזערע עלטערן, מיר זאלן זיין אזוי אונטערטעניגט און האבן אזא הכנעה פאר זיי, כדי מיר זאלן קענען מקבל זיין פון זיי די מסורה. ווייל אויב מען האלט נישט חשוב די עלטערן און זיי זענען ביליג אין די אויגן פון די קינדער, קען מען נישט מקבל זיין די מסורה, און חלילה איז די גאנצע תורה און די גאנצע מסורה אין א סכנה. ממילא האט דער אייבערשטער אוועקגעשטעלט די מצוה פון כיבוד אב ואם, וואס דאס האלט אן דעם קיום התורה פון קבלת התורה – און נאך פריער פון אדם הראשון – ביז ביאת הגואל, ועד בכלל לעולמי עד ולנצח נצחים.

**די טיפע לערנונגען פון בן סורר ומורה**

אין ספר "מאה שערים" ברענגט ער אראפ: פארוואס ווערט א בן סורר ומורה געהרגעט? מ'האט אים נישט געקענט סתם געבן שלעק? נאר ווייל ער "איננו שומע בקול אביו ובקול אמו", קומט אים שוין צו ווערן געהרגעט? דער תירוץ איז, אז די תורה האט אזוי שטארק אנגעהאנגען דעם ענין פון כיבוד אב ואם אין די תורה, אז די תורה הקדושה זאגט דא עדות: איינער וואס הערט נישט אויס דעם קול פון זיין טאטע און מאמע, וועט צום סוף נישט היטן די תורה. דעריבער דארף מען אים שוין דן זיין "על שם העתיד"; וויבאלד ער גייט סיי ווי נישט היטן די תורה, קען מען אים שוין הרגענען, און ער איז שוין חייב מיתה. דאס איז א זייער טיפע דערהער וואס די תורה הקדושה לערנט אונז ארויס פון בן סורר ומורה.

חז"ל זאגן אבער אז א "בן סורר ומורה" איז למעשה קיינמאל נישט פארגעקומען. די תורה הקדושה האט עס נישט געשריבן כדי מיר זאלן דאס אויספירן למעשה, ווייל עס איז כמעט א זאך וואס איז אוממעגליך און עס איז טאקע קיינמאל נישט געשען. דער גאנצער דערהער פון בן סורר ומורה איז אונז צו ווייזן די געוואלדיגע וויכטיגקייט פון כיבוד אב ואם. די תורה הקדושה זאגט אונז: **איינער וואס איז זיך מכניע במחשבה, דיבור ומעשה צו זיינע עלטערן, און ער היט אפ כיבוד אב ואם מיט אלע הידורים, מיט אלע חומרות, מיט א גאנצע תמימות און אמת'דיגקייט – ער וועט היטן די גאנצע תורה. אזא מענטש קען לעבן און זוכה זיין מאריך ימים ושנים טובים צו זיין.** אבער אויב איז ער אזא מחוצף, אזא עזות פנים, אזא בוגד און פעלטשער צו זיינע עלטערן אז ער ווערט אנגערופן א "בן סורר ומורה", זאגט דער אייבערשטער אז ער איז חייב מיתה, און די וועלט דארף נישט האבן אזא סארט מענטש.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ווען מ'איז מקיים כיבוד אב ואם, וויל דער אייבערשטער אז מ'זאל נישט בלויז לעבן, נאר מאריך ימים זיין.

**קומט אויס אז אין כיבוד אב ואם ליגט דער יסוד פון אמונה, דער יסוד פון דער תורה, דער יסוד פון מסורה, און דער יסוד פון הכרת הטוב. אלע צוגעהערן וואס מיר דארפן האבן כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטן, זיין נאנט צו אים, היטן די תורה, און זיך האלטן ביי אידישקייט – דאס אלעס הענגט די תורה אן אין כיבוד אב ואם; אלעס ליגט אין דער מצוה פון כיבוד אב ואם.**

כיבוד אב ואם איז נישט קיין פרטיות'דיגע מצוה, נאר א כלליות'דיגע; די מצוה פון כיבוד אב ואם איז די גאנצע תורה כולה. דער קיום פון כלל ישראל, דער קיום פון עבודת השם, דער קיום פון תיקון המדות, און אלעס וואס א איד דארף האבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, האט דער אייבערשטער מצמצם געווען זייער שטארק בדרך כלל אין דער מצוה פון כיבוד אב ואם.

אין תנא דבי אליהו פרק כ"ו שטייט: ווען א מענטש וויל האבן לאנגע טעג און יארן, עשירות און כבוד, ער וויל האבן א גוט לעבן בעולם הזה און בעולם הבא, א לעבן וואס האט נישט קיין סוף, קיין קץ און קיין תכלית – וואס זאל ער טון? ער זאל מקיים זיין דעם רצון פון דעם אייבערשטן און דעם רצון פון זיין טאטע און מאמע. דער תנא דבי אליהו נעמט דאס ביידע צוזאמען, ווייל דאס איז אין אלגעמיין דער יסוד פון כיבוד אב ואם.

אין ספר אורחות יושר (סימן י"ד) שטייט, אז כיבוד אב ואם איז איינע פון די זאכן וואס, חלילה, אויב מען איז עס נישט מקיים – וויבאלד דערין הענגט אזויפיל פון די תורה, אזויפיל כבוד שמים און מורא שמים – ווערט א מענטש באשטראפט דא אויף די וועלט. איינע פון די גרעסטע שטראפן איז, אז זיינע קינדער וועלן אים נישט מכבד זיין און נישט מורא האבן פאר אים. דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך; **מען זעט טאקע אז די מענטשן וואס זענען מקיים כיבוד אב ואם, זענען זייערע קינדער זיי מכבד, אבער די מענטשן וואס זענען נכשל געווארן אין כיבוד אב ואם, זענען די קינדער זיי נישט מכבד.**

א מענטש דארף וויסן אז די תורה הקדושה באצאלט שכר אפילו פאר די אומות העולם אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם. מיר זעען אז עשו האט געהאט אסאך זכויות אין די מצוה פון כיבוד אב ואם, און די סיבה פארוואס מיר געפינען זיך נאך היינט אין גלות איז ווייל עשו האט מקיים געווען כיבוד אב ואם מיט אזא שטארקייט. יעדער קען דאך די מעשה אין גמרא פון דמא בן נתינה, וואס איז געווען א גוי און האט זוכה געווען צו גרויס שכר צוליב די מצוה פון כיבוד אב ואם, ווייל די תורה הענגט אן דעם גאנצן קיום העולם אין כיבוד אב ואם; די וועלט האלט זיך אויף דער מצוה. ווען א מענטש וויל נישט באשטראפט ווערן אויף דער וועלט, ווען א מענטש וויל האבן שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און ווען א מענטש וויל שפירן אז ער האט א זכות צו קענען מקיים זיין די גאנצע תורה, איז די תשובה אויף דעם כיבוד אב ואם.

דער חזון איש האט אמאל פארהערט קינדער, און די קינדער האבן אים געפרעגט וויאזוי ער האט זוכה געווען צו זיין אזא גאון עולם, האט ער געענטפערט אז דאס איז אלעס געקומען דורך דער מצוה פון כיבוד אב ואם.

**טון די מצוה בלויז ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן**

אבער מיר דארפן געדענקען, מ'פארציילט אז דער הייליגער רבי מענדעלע רימינאוווער האט אמאל געלערנט מיט זיינע תלמידים. אינמיטן איז אריינגעקומען אן ארימאן בעטן צדקה. דער הייליגער רבי מענדעלע רימינאוווער האט געהייסן דעם גבאי אים געבן א גאלדענע מטבע. נישט קיין קופערנע, א ביליגע, נאר א גאלדענע, א טייערע מטבע. דער ארימאן האט ממש אויפגעלאכטן, און ער איז ארויסגעגאנגען. דאס איז געווען א גרויסער סכום.

א פאָר מינוט שפעטער האט דער הייליגער רבי מענדעלע רימינאוווער זיך זייער באקלאגט. די סיבה פארוואס ער האט געגעבן די מטבע איז געווען ווייל ער האט רחמנות געהאט אויף דעם מענטש; ער איז געווען צעריסן און צעשליסן, בלאס און אויסגעמאגערט. ער האט נישט געקענט צוקוקן די צעבראכענע צורה פון דעם ארימאן, דערפאר האט ער געגעבן אזא גרויסע מטבע. ער איז אבער נישט געווען צופרידן מיט דעם, און ער האט געזאגט פארן גבאי ער זאל צוריקרופן דעם ארימאן.

ווען דער גבאי האט צוריקגערופן דעם ארימאן, האט ער זיך דערשראקן; ער האט געמיינט אז דער רבי האט זיך זיכער טועה געווען און אים געגעבן א גאלדענע מטבע אנשטאט א קופערנע, און יעצט וויל ער עס צוריקבעטן. ער איז געווען פארוואונדערט ווען ער איז אריינגעקומען און דער הייליגער רבי מענדעלע רימנובער האט אים געגעבן נאך א גאלדענע מטבע.

האט דער גבאי געפרעגט: "רבי, וואס איז דא געשען?" האט דער רבי געענטפערט, אז דאס ערשטע מאל האט ער עס געגעבן מצד רחמנות

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

און נישט אלס די מצוה פון צדקה, אבער יעצט האט ער עס געגעבן לשם מצוות צדקה.

א איד טוט נישט קיין מצוה ווייל ער פארשטייט עס אדער ווייל עס איז שכלי, נאר ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן. רבי מענדעלע רימנובער איז נישט געווען רואיג מיט דעם וואס ער האט מקיים געווען די מצוה פון צדקה אויס רחמנות, און נישט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן. די מצוה פון כיבוד אב ואם זעט מען טאקע ביי די גויים אויך, און "מאיבי תחכמני" לערנען מיר ארויס דערפון אסאך זאכן. די מצוה פון כיבוד אב ואם איז שכלי, עס איז הכרת הטוב, עס ברענגט אריכות ימים, "למען ייטב לך", עשירות, געזונט, פרנסה און נחת – אלעס וואס א איד דארף. אבער דער תכלית איז, אז א מענטש דארף מקיים זיין די מצוה בתמימות ווייל אזוי שטייט אין די תורה: "כבד את אביך ואת אמך", אן קיין טעם, אן קיין נגיעות און אן קיין אייגענע פניות, נאר ווייל אזוי שטייט אין די תורה.

**לערנען די הלכות און מקיים זיין די מצוה בתמימות**

ווען א מענטש לערנט די הלכות פון כיבוד אב ואם, מיט אלע טעמים און יסודות וואס מיר האבן פריער אין קורצן ארויסגעברענגט, געבט דאס א חשק; דאס ווייזט די הארבקייט און די גרויסקייט פון די מצוה, און דאס וועקט אויף אין אונז גפילן דערצו. אבער ווען עס קומט למעשה עס מקיים צו זיין, דארף מען עס טון בלויז ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן. מען דארף עס מקיים זיין פונקטליך וויאזוי עס שטייט אין שולחן ערוך, לויט אונזערע מנהגים און אונזער מסורה, און אזוי ווי עס שטייט אין די לשונות פון די פוסקים, חז"ל, ספרי מוסר, ספרי חסידות, און די ספרי ראשונים ואחרונים. מיר טוען עס בתמימות, ווייל צום סוף, נאך אלע מעשיות, שטייט אין די תורה "תמים תהיה עם ה' אלקיך", "ההתהלך עמו בתמימות". מען דארף מקיים זיין די תורה ווייל איך בין באשאפן געווארן צו טון דעם רצון הבורא אן קיין שום טעם – א חוק בלי טעם.

עס איז א געוואלדיגער רווח אז מיר פארשטייען די טעמים און מיר כאפן ארויס די גרויסקייט פון יעדע מצוה. דאס וואס מיר האבן א היקף און זענען ארומגענומען מיט אזויפיל שיינע זאכן ארום יעדע מצוה, געבט אונז גוטע הרגשים און הייבט אונז אויף ממדרגה למדרגה. דער אייבערשטער ווייסט אבער אז סוף-כל-סוף זענען מיר בלויז בשר ודם. מיר האבן אזויפיל נסיונות פונעם יצר הרע, פון גשמיות, און פארשידענע מניעות ועיכובים, דעריבער האט דער אייבערשטער אונז געגעבן א מתנה – די טעמים – כדי עס זאל אונז העלפן מקיים זיין די מצוה. **אבער די מצוה אליין טוט מען ווייל אזוי שטייט אין די תורה, אן קיין שום חכמות.**

דער סך הכל וואס קומט ארויס איז: א איד איז באשאפן געווארן צו האבן הכנעה פאר א טאטע און א מאמע, ווייל ער איז באשאפן געווארן צו האבן הכנעה פארן אייבערשטן.

ער איז באשאפן געווארן ליב צו האבן דעם אייבערשטן, מכבד צו זיין דעם אייבערשטן, און מורא צו האבן פונעם אייבערשטן; און דעם גאנצן ענין האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין כיבוד אב ואם אויך, וואס דאס ברענגט א מענטש ער זאל דינען דעם אייבערשטן.

א מענטש דארף זיך קאכן אין כיבוד אב ואם פונקט ווי ער קאכט זיך אין עבודת השם און עבודת הבורא, ווייל דער אייבערשטער האט דאס צוגעגליכן איינס צום צווייטן.

דער יסוד פון כיבוד אב ואם איז אז א מענטש דארף וויסן: די תורה און דער אייבערשטער זענען די ערשטע, און תיכף נאכדעם קומט כיבוד אב ואם. נאר ווען עס שטייט אין די תורה קלאר, מיט א געוואלדיגע קלארקייט, אז מען איז פטור פון כיבוד אב ואם אדער אז דא גייט נישט אן די מצוה, דעמאלטס איז דער פשט אז דא עקזיסטירט נישט די מצווה. איך טו עס נאר ווייל עס שטייט אין די תורה, נישט ווייל איך זוך פטור צו ווערן אדער זיך ארויסצודרייען פון דער מצווה פון כיבוד אב ואם, ווייל איך וויל זיך דערפון בשום אופן נישט ארויסדרייען. דאס איז דאך מיין תפקיד און מיין תכלית, דאס איז מיין אריכות ימים, און דארט ליגט מיין גאנצער עולם הזה און עולם הבא, סיי גשמיות און סיי רוחניות; אלעס וואס איך האב און וואס איך דארף ליגט אין כיבוד אב ואם, וממילא וויל איך זיך בפירוש נישט ארויסדרייען דערפון. אבער מיר מאכן נישט קיין אייגענע תורה; וואס עס שטייט אין די תורה דארף מען טון, און וואס עס שטייט נישט, טוט מען נישט.

**די מצוה איז דיין לעבן און דיין רפואה**

אבער מען דארף געדענקען: מענטשן לויפן נאך צו זיין געזונט, מענטשן לויפן צו עסן געזונטע עסנווארג און צו טון זאכן וואס בויען אויס דאס געזונט. מענטשן מאכן איבונגען און גייען אויף געוויסע דייעטן, וואס מען מעג יא עסן און וואס נישט; מענטשן טוען דורך אלע ענינים

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

פון געזונטהייט. פארוואס? ווייל מען וויל לעבן! **כיבוד אב ואם איז די מעדיצין און דער וויטאמין פאר דער נשמה, פארן גוף, פארן נפש-רוח-נשמה-חיה-יחידה, פאר אונזערע מחשבה, דיבור ומעשה, פאר אונזער הצלחה אין לעבן ברוחניות ובגשמיות; אונזער זיס לעבן און אונזער לעכטיג לעבן – אלעס ליגט אין כיבוד אב ואם.**

עס איז פונקט אזוי ווי ווען איינער הערט אז עס איז דא א געוויסע מאכל וואס עס איז דא דערויף אפילו א ספק ספיקא אדער א חשש שבחשש, און צוויי דאקטוירים האלטן אז דאס איז חלילה וחס מקצר ימים – עס פארקירצט דאס לעבן פון א מענטש אדער עס ברענגט געוויסע מחלות – וועלן נייצניג אדער ניין-און-נייניג פראצענט מענטשן דערפון אנטלויפן. ביי יעדע ספק, ספק ספיקא, אדער ספק ספק ספיקא פון כיבוד אב ואם, שפילט מען זיך מיט אריכות ימים און מען שפילט זיך מיט דעם טאג-טעגליכן זיסן לעבן. דער אייבערשטער זאגט: "ווילסט א גוט לעבן? כיבוד אב ואם איז דער וועג!" און דאס איז גילטיג ביי מענער און ביי פרויען; יעדער איינער, לויט ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, איז מחויב – בחורים און מיידלעך, נישט קיין חילוק ווי אלט מען איז.

אוודאי זענען דא הלכות פאר פרויען און הלכות פאר פארהייראטע פרויען; ס'זענען דא הלכות פאר מענער און פאר פארהייראטע מענער. עס זענען דא הלכות פאר געוויסע יארגאנגען און פאר געוויסע אופנים, אבער מען דארף קענען די הלכה גוט; **מען טאר נישט סתם מקיל זיין און זיך פארלאזן אויף וואס מען האט געהערט פון דעם אדער יענעם. מען דארף דאס גוט דורכלערנען און גוט דורכטון.** אבער געדענק, אז מחמיר צו זיין און מהדר צו זיין אין די מצווה ברענגט אריכות ימים און אלע גוטע זאכן, און מיט דעם ביסטו מכבד דעם אייבערשטן. **אויב דו ווילסט מכבד זיין דעם אייבערשטן מיט אלע הידורים און מיט אלע חומרות, זאלסטו האבן הידורים און חומרות אין כיבוד אב ואם.**

**די שוועריקייט פון כיבוד אב ואם איז ווען א מענטש וויל זיין א מענטש פאר זיך אליין, און ער וויל נישט אז קיינער זאל אויף אים געוועלטיגן. אבער געדענק, נישט דיין טאטע און מאמע געוועלטיגן אויף דיר, נאר די תורה געוועלטיגט אויף דיר. כיבוד אב ואם איז די תורה וואס געוועלטיגט אויף דיר, און דו ביסט באשאפן געווארן פאר דעם צוועק.**

פונקט אזוי ווי דו טראכסט נישט אז דיין מויל מיט דיין מאגן געוועלטיגן אויף דיר ווען דו פילסט אז דו מוזט זיי באדינען און געבן צו עסן און צו טרינקען ווען זיי זענען הונגעריג אדער דארשטיג. און דאס איז נישט נאר ווען זיי ווילן, נאר אויך וואס זיי ווילן; ווייל אויב דער צונג פארטראגט נישט קיין זאלץ נאר צוקער, קענסטו נישט עסן קיין געזאלצענע עסן, און אויב דער מאגן פארטראגט נישט קיין פעטס, קענסטו נישט עסן קיין פעטע מאכלים.

וויפיל שעבודים האט א מענטש צו זיין מויל און צו זיין מאגן? וויפיל שעבודים האט א מענטש צו יעדן אבר זיינע? פארוואס שפירסטו נישט אז ס'איז א שעבוד? ווייל דער סך הכל איז: "איך וויל לעבן". און יעדע זאך וואס גייט אריין אינעם גדר פון "איך וויל לעבן", ווערט ביי א מענטש נישט באטראכט אלס א שעבוד; דאס איז גאר די הנאה פונעם מענטש, ווייל איך בין דאך באשאפן געווארן צו לעבן. האסטו שוין אמאל געזען א מענטש זאל זיין ברוגז אויפן שלאף ווייל ער געוועלטיגט אויף אים? ער ווערט מיד ווייל ער ווייסט אז אזוי קומט דאס לעבן.

**כיבוד אב ואם מיינט נישט אז דער טאטע און די מאמע געוועלטיגן אויף דיר; דאס איז לופט צו אטעמען, דאס איז דיין לעבן.** עס איז נישט אז זיי געוועלטיגן אויף דיר, נאר דו נעמסט זיי זיי זאלן געוועלטיגן אויף דיר ווייל דו ווילסט לעבן און דו ווילסט האבן אלע גוטע זאכן. ממילא, פונקט ווי דו גיבסט פאר דיין צונג צו טרינקען אדער צו עסן פאר דיין גוף, אזוי טוסטו כיבוד אב ואם ווייל דו ווילסט, ווייל דו לויפסט נאכן לעבן און דו לויפסט נאך צו האבן גוטע זאכן. מענטשן פארן אין די מרחקים אויף חדשים צו מאכן געלט און צו טון געשעפטן, אבער דו דארפסט דאס נישט, דו קענסט בלייבן דא. דאס איז אלע רפואות און אלע ישועות, אלע ברכות און אלע הצלחות; די גרעסטע עשירות ברענגט כיבוד אב ואם. "ברכת ה' היא תעשיר" – עשירות קומט פון די ברכה פונעם אייבערשטן. און דער אייבערשטער זאגט: ווילסטו מיך מכבד זיין? ווילסטו מיר געבן? גיב פאר דיינע עלטערן, גיב פאר מיינע שותפים. כביכול, ווען עס וואלט נישט געשטאנען אין די תורה וואלט מען עס נישט געקענט זאגן, אבער אין די תורה שטייט עס.

**ווען א מענטש שפירט אז א טאטע און א מאמע זענען אים שווער, איז עס פונקט ווי ער זאל שפירן אז דאס עסן איז אים שווער, דאס שלאפן איז אים שווער, זיינע פיס זענען אים שווער, און אפשר אסאך מאל איז דער קאפ אים שווער ווייל עס וועגט צופיל; עס איז די זעלבע סארט מחשבה.** ווייל פונקט ווי דו דארפסט האבן א קאפ צו לעבן, דו דארפסט א הארץ צו לעבן, און דו דארפסט לונגען צו אטעמען, אזוי דארפסטו כיבוד אב ואם כדי צו לעבן, צו אטעמען און אנגיין. דאס זענען די יסודות וואס מען דארף מכיר זיין, אנערקענען, זיך גוט איבערחזר'ן, זיך אריינטון אין דעם, און אריינברענגען אין דעם א שמחה און א געשמאק.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת שופטים כז מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

און יעצט, נאכדעם וואס איר האט געהערט דעם שיעור הקדמה צו כיבוד אב ואם, גלוסט זיך שוין און עס ווילט זיך שוין צו לערנען, צו הערן שיעורים און זיך אריינצוטון אין מצוות כיבוד אב ואם. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו דער ברכה וואס שטייט אין די תורה: ״למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך״. יעדער זאל האבן אריכות ימים, עס זאל פאר יעדן גוט זיין, און מיר זאלן זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן באמת ובבלב שלם, ביז מיר וועלן זוכה זיין מקרב צו זיין די גאולה שלימה במהרה דידן, אמן.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת שופטים כח מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוטן מארגן, דינסטאג פרשת שופטים, כ"ח מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן ן געבענטשטן גוטן מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**הקדמה און א ברכה פאר די עסקנים פון "פנים מאירות"**

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער! די היינטיגע שיעורים לערנען מיר לזכות אז דער הייליגער באשעפער זאל העלפן **אז די פאנדרעיזערס פאר "פנים מאירות" זאלן מצליח זיין**. זיי זאלן אנהאלטן, נושא חן זיין, און מאכן אלפים ורבבות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאלן זיך עפענען צינורות פון השפעות און שפע, און עס זאלן זיך עפענען די הערצער און די ווארעמקייט פון אידישע קינדער, **מ'זאל זיי געבן גרויסע געלטער כדי פנים מאירות זאל קענען האבן א קיום** און ווייטער אנגיין.

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, זייטס מתפלל און בעטס ביים אייבערשטן. מאכטס קבלות טובות און זאגטס קאפיטלעך תהילים און תפילות אז די פאנדרעיזערס פון פנים מאירות זאלן נושא חן זיין און מצליח זיין אריינצוברענגען גרויסע געלטער. זיי זאלן האבן חיזוק צו גיין ווייטער, און מענטשן זאלן זיי מחזק זיין מיט גוטע ווערטער און מיט אסאך געלט. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע אידן זאלן האבן אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות און פועל'ן אלעס גוטס, אמן כן יהי רצון.

**לעבן העכער פון די טבע: דער שפת אמת אויף "תמים תהיה"**

עס שטייט אין דעם הייליגן שפת אמת אויף די וואכעדיגע פרשה, אויפ'ן פסוק "תמים תהיה עם ה' אלקיך": זאגט דער הייליגער שפת אמת, אז די הנהגת הטבע – דאס ענין וואס די וועלט פירט זיך בדרך הטבע – דאס איז נאר פאר די אומות העולם, נאר פאר די גויים. דער אייבערשטער האט זיי אפגעטיילט אנדערש פון אידישע קינדער, אז זיי זאלן לעבן אונטער די טבע. ער ברענגט אויף דעם א פסוק וואס שטייט אין פרשת ואתחנן: "אשר חלק ה' אלקיך אתם לכל העמים תחת כל השמים". אלעס וואס איז אונטער'ן הימל – דאס מיינט נישט העכער פון די טבע, נאר אלעס וואס געפינט זיך אין די טבע – האט דער הייליגער באשעפער אפגעטיילט אז דאס זאל זיין פאר די אומות העולם, פאר די גויים.

זאגט דער שפת אמת: היינט צוטאגס, ווען מיר האבן נישט קיין נביאים, דארפן מיר זיך **מחזק זיין אין אמונה און זיך נישט נאכשלעפן נאך חכמת הטבע**. מיט דעם וועלן מיר מתקן זיין דעם חטא וואס מיר האבן געזינדיגט דעמאלטס ווען מיר האבן יא געהאט נביאים; מיר האבן איבערגעלאזט די ווערטער פון די נביאים און מיר זענען נאכגעצויגן געווארן נאך חכמות חיצוניות. אויף דעם דארפן מיר היינט תשובה טון. מיר האבן טאקע נישט קיין נביאים, אבער מיר דארפן זיך האלטן שטארק. "עם עני ודל" – מיר זענען אן ארעם פאלק, עני בדעת, מיר האבן נישט קיין נביאים און מיר האבן נישט קיין אורים ותומים, אבער אפילו הכי "וחסו בשם ה'"; מיר בוקן זיך, מיר זענען זיך מכניע, מיר גלייבן, און מיר זענען באשיצט אונטערן נאמען פונעם אייבערשטן.

"טוב לחסות בה'". זאגט דער שפת אמת, אז א מענטש זאל זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן אפילו ווען עס איז א מצב פון חושך, ווייל עס איז פיל בעסער "מבטח באדם" און "בנדיבים", פיל בעסער ווי זיך צו פארלאזן אויף מענטשן, אויף עשירים, אויף א בשר ודם. דער שפת אמת לייגט צו, **אז דאס איז דער נסיון בזמן הזה. דער נסיון פון היינטיגן דור איז חכמות חיצוניות און חכמת הטבע**, און דער אייבערשטער פראבירט אונז אויס און גיט אונז אזויפיל נסיונות צו זען: צי גייסטו אויסקלייבן חכמות חיצוניות און חכמת הטבע? אדער גייסטו אויסקלייבן "תמים תהיה עם ה' אלקיך", זיך צו האלטן העכער פון דרך הטבע און גלייבן אז א אידישער גוף, א אידישע נשמה, די אידישע אברים וגידים, די אידישע וועג פון רעדן און טראכטן, און די גאנצע אידישע הנהגה איז העכער און העכער פון דרך הטבע. אז דו וועסט דאס גלייבן, אז אלעס געפינט זיך אין די תורה און אלעס וועלן מיר האבן דורך אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, וועט מען קענען דורכמאכן דעם נסיון הדור, דעם נסיון פון עקבתא דמשיחא. און דער אייבערשטער וועט העלפן אז מ'וועט זען אותות ומופתים און נסים ונפלאות, סיי בדרך הטבע און סיי שלא בדרך הטבע, בגלוי ובאתגליא.

**מעשיות פון אמונה העכער די טבע**

א איד האט דערציילט – א "פנים מאירות" איד, ברוך הוי"ה ברוך הוא הודו לו ברכו שמו – ער האט ברוך השם א גוטע פרנסה, אבער ער דארף אסאך ארומפארן פאר זיין ארבעט. ער האט געדארפט קויפן א קאר כדי ער זאל קענען ארומפארן און מצליח זיין בעזרת השם, און אויפ'ן וועג הערט ער די "פנים מאירות" שיעורים. לויט זיין קרעדיט-סקאר וואלט ער נישט געקענט באקומען א קאר פאר א גוטן פרייז, אדער וואלט ער אפילו בכלל נישט געקענט באקומען קיין קאר. אבער אז מען זאגט מזמור לתודה און מען גלייבט אינעם אייבערשטן, און מען גלייבט אז די פרנסה פון א מענטש איז דאס וואס דער אייבערשטער שרייבט פאר – און אויב דער אייבערשטער האט אים געגעבן די

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת שופטים כח מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

פרנסה און ער דארף האבן א קאר, וועט ער האבן א קאר, נישט קיין חילוק וואסערע נומערן זיין קרעדיט האט. ער האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן, געגלייבט אין אים און געזאגט מזמור לתודה, און לא יאומן כי יסופר: ער האט געקענט פינאנצירן א קאר פאר א גאר ביליגן פרייז, טראץ דעם וואס ער האט געהאט זייער שוואכע קרעדיט נומערן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **ווייל מיר אידן זענען נישט בטבע, מיר זענען למעלה מדרך הטבע**.

עס איז געווען איינער פון די צדיקים וואס האט זייער געוואלט זיין אויף א שבת אינאיינעם מיט'ן הייליגן רבי משה קאברינער זצ"ל. רבי משה קאברינער האט אבער געזאגט אז ער וויל נישט זיין מיט אים אינאיינעם שבת. פארוואס? ווייל שבת איז א בחינה פון יחוד, מ'איז פאראייניגט מיט אחדות, און צווישן אונז איז דא א פירוד. האט דער צדיק געפרעגט: "וואסערע פירוד איז דא צווישן אונז?" ער האט גארנישט געוואוסט אז ער האט א פירוד מיט'ן הייליגן קאברינער. האט אים דער קאברינער געזאגט: "צו אייך, ווען עס קומט איינער פרעגן אן עצה, ענטפערט איר אים מיט חכמה און מיט'ן אייגענעם שכל. ביי מיר איז אבער נישט אזוי; ווען איינער קומט מיר פרעגן עפעס, **וועל איך טון אלעס אין די וועלט ארייינצולייגן אין אים אמונה טהורה, איך וועל ארייינלייגן אין אים אזא אמונה ביז אלעס וועט זיך אויסגלייכן**. איך וויל אים נישט ענטפערן מיט חכמה און שכל אנושי, נאר איך וויל ארייינלייגן אזא אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, אז אלעס זאל זיך פארגלייכן און אויסגלייכן דורך אמונה פשוטה."

**די סגולה פון "תמים" – זיך מדבק זיין אינעם שורש העליון**

אין ספר "אור התורה" פונעם הייליגן רבי שלום תאומים (וועלכער איז געווען א זון פון רבי אהרן, א ברודער פונעם "פרי מגדים"), וואס ער איז געווען פונעם חדר פונעם "דגל מחנה אפרים", רבי ברוכ'ל, און דעם קאזשניצער מגיד – יענעם חדר פון די תלמידי בעש"ט – שרייבט ער אין פרשת בא, ווען די אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, רעכנט ער דארט אויס עטליכע זאכן. איינע פון די זאכן, און די ערשטע זאך, איז "תמים". ווען זיי זענען געווען אונטערן שורש פון מצרים, האבן די אידן געהאט א פגם; זיי זענען געווען פגום און בעלי מומים, זיי האבן געהאט פעלער, ווייל זיי זענען נעבעך געווען אונטער די מ"ט שערי טומאה. אבער יעצט, ווען זיי זענען געקומען אונטער די כנפי השכינה און זיך מדבק געווען אין דעם שורש עליון פונעם הייליגן באשעפער, זענען זיי געווארן "תמים".

דער הייליגער באשעפער כביכול ווערט אנגערופן "תם", ווי עס שטייט "ויעקב איש תם", און "תמים תהיה עם ה' אלקיך". ער זאגט די ווערטער: ווען א מענטש געפינט זיך מיט'ן אייבערשטן, אונטער דעם שורש פונעם אייבערשטן, אין יעדן אבר פון זיינע אברים, און קיין שום אנדערע רשות געוועלטיגט נישט אויף אים אויף קיין שום זאך – דאס הייסט א "תמים". **דעמאלטס קען קיין שום בריאה אויף דער וועלט אים נישט טאן קיין שלעכטס, אויף קיין שום אופן און אויף קיין שום זייט נישט**, ווייל ער ווערט באטראכט אלס א תמים.

**א פראקטישע עצה און סגולה פאר יעדן צער**

שרייבט ער ווייטער אזוי ווי איך האב געהערט, פון א צדיק וקדוש עליון, וואס האט געזאגט פאר איינעם פון זיינע מקורבים: **אז עס וועט קומען אויף דיר עפעס א צער, וועלכע צער עס זאל נאר נישט זיין אויף דער וועלט, יהיה מה שיהיה, צי אין עניני געלט אדער אין אנדערע ענינים רחמנא ליצלן, זאלסטו זאגן אויף אידיש מיט די דאזיגע לשון: "רבונו של עולם, דו האסט מיך באשאפן, דו גיבסט מיר חיות, איך האלט מיך נאר אין דיר אליין, און אויסער דיר האב איך קיינעם נישט".**

ער האט געזאגט פאר יענעם אז דאס וועט אים זיכער העלפן געראטעוועט צו ווערן פון יעדן צער און פון יעדן נזק; עס איז בדוק ומנוסה, עס איז הונדערט פראצענט אז עס וועט ארבעטן. פארוואס זאגט ער אזוי? ווייל וויבאלד דער מענטש איז זיך מדבק אין חי החיים, אינעם הייליגן באשעפער וואס איז דער מקור החיים, ווערט ער א "תמים" – ער איז גאנץ פון יעדע זייט, און קיין שום שטן אדער פגע רע קענען זיך אין אים נישט אנטשעפענען.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר חזר'ן די ווערטער און לאמיר זיי אראפשרייבן. לאמיר עס ארייינלייגן אין טאש און עס שטענדיג ארויסנעמען זיך איבערצולייענען. שרייבט עס אריין אין אייערע סידורים און לייגט עס אין אייערע בייטלען. לאמיר דאס האלטן אין יעדן פלאץ וואו מיר גייען; זאלן מיר עס האבן אין טאש שבת און יום טוב, און אין די וואכנדיגע טעג – אומעטום און אין יעדע צייט. ביי יעדע עגמת נפש חלילה, זאלן מיר זאגן די דאזיגע ווערטער: "**רבונו של עולם! דו האסט מיך באשאפן, דו גיסט מיר חיות, איך האלט מיך נאר אין דיר אליין, און אויסער דיר האב איך קיינעם נישט.**" עס איז בדוק ומנוסה אז אויב מען זאגט עס און מען גלייבט עס, ווערט מען געהאלפן.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת שופטים כח מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**דער כח פון תשובה און תפילה בעת צרה**

אין ספר זכרון יהודה פונעם מהר"ם א"ש, זאגט דער מהר"ם א"ש אזוי: מ'זאגט יעדן טאג אין פטום הקטורת, "תניא רבי נתן אומר, כשהוא שוחק אומר, הדק היטב, היטב הדק, מפני שהקול יפה לבשמים". האט דער מהר"ם א"ש דאס אזוי געטייטשט: "כשהוא שוחק" – ווען דער הייליגער באשעפער קלאפט אמאל א מענטש, ער גיט אים צער און עגמת נפש, "אומר" – וואס זאגט דער אייבערשטער? "הדק" – די סיבה פארוואס איך קלאפ דיר איז "היטב" – ווייל איך וויל דו זאלסט ווערן בעסער, דו זאלסט תשובה טון און ווערן א בעסערער איד. אבער "היטב הדק" – מ'זעט דאך אז דער אייבערשטער קלאפט אויך א גוטן איד, אן ערליכער איד כאפט אויך אמאל קלעפ? דו ווייסט וואס די תשובה איז? "מפני שהקול יפה לבשמים" – **ווייל דער הייליגער באשעפער האט ליב דאס קול פון אידישע קינדער; דער הייליגער באשעפער וויל מ'זאל דאווענען פאר אים, ער גלוסט צו הערן די תפילות פון אידישע קינדער**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וועלכע שוועריגקייט עס זאל נאר זיין, וויל דער אייבערשטער פון דיר צוויי זאכן: איינס, זאג פארן אייבערשטן: "איך טו תשובה, איך גיי זיין ערליך און טון דיין רצון, איך האב חרטה אויף אלעם שלעכטס, און פון היינט און ווייטער בין איך שוין א נייער, אנדערער מענטש, איינער וואס טוט נאר דעם רצון השם; איך נעם זיך אונטער בעזרת השם בסיעתא דשמיא". און נאכדעם וויל דער הייליגער באשעפער זאלסט דאווענען צו אים, רעדן צו אים, זיך אויסבעטן פאר אים, און זיך כביכול אויסשמועסן מיט אים.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאווענען, דאווענען און דאווענען. דאווענען, דאווענען און נאכאמאל דאווענען. רעדן צום אייבערשטן, זיך אויסבעטן ביים באשעפער, זיך אויסשמועסן מיט'ן באשעפער, און נאר מיט'ן באשעפער; דארט ליגן אונזערע ישועות, און דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז.**

**אריינבאקן אמונה אינעם הארץ און מוח**

רבי ישראל שמעון קאסטעלעניץ האט דערציילט, אז ווען ער איז געווען יונג, האט ער אמאל געזען ערב שבת נאכן דאווענען ווי רבי לייזא — וועלכער איז געווען א גרויסער קאברינער תלמיד — רעדט עפעס א סוד מיט זיין פעטער, רבי מרדכי חיים סלאנימער. זיי זענען דאן געווען אין די רייסישער שול אין טבריה, און דארט האט ער זיי געזען שמועסן בסוד סודות. ער איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואס זיי רעדן, אבער ער האט זיך נישט געוואגט צו פרעגן היות ער איז נאך געווען יונג. צען יאר שפעטער האט ער געטראפן ר' מאטעל סלאנימער און אים געפרעגט וואס ר' לייזא האט אים דעמאלט געזאגט. האט ער אים גענטפערט, אז ער האט אים איבערגעזאגט א ווארט פון רבי משה קאברינער. עס שטייט אין תהלים (קפ"ט), דוד המלך זאגט: "ידעתי ה' כי צדק משפטיך ואמונה ענתני". האט ער דאס אזוי אפגעטייטשט: דוד המלך זאגט פארן אייבערשטן, "ידוע אדע", דאס ווייס איך קלאר, אז "כל משפטיך צדק" — אלעס וואס דו טוסט און אלע דיינע משפטים זענען גערעכט; אפילו ווען מען גייט אדורך שווערע עגמת נפש און ביטערע יסורים, גלייב איך אז "הצור תמים פעלו". איך ווייס דאס בפירוש, און די ידיעה איז ביי מיר בשלימות, עס פעלט גארנישט אין מיין ידיעה. אבער איך האב איין פראבלעם, זאגט דוד המלך פארן באשעפער: "ואמונה ענתני" — 'ענתני' איז א לשון פון ארעמקייט; אין מיין אמונה בין איך ארעם, מיין אמונה איז נישט גענוג שטארק. איך ווייס מיט מיין שכל און פארשטאנד אז דעם אייבערשטנס וועגן זענען גערעכט, אבער איך וויל — האט דוד המלך מתפלל געווען צום אייבערשטן — דאס אריינווארצלען אין מיר מיט אמונה. **מיין הארץ, מיין מוח, מיין בלוט – אלעס זאל קאכן מיט אמונה; נישט בלויז ידיעה, נאר אמונה. איך וויל אז דער ענין פון אמונה זאל זיך אין מיר אריינזאפן.** א איד דארף זיך קאכן און זיין אנגעזאפט מיט אמונה, און דעמאלטס וועל איך מיך בארואיגן. דאס האט דוד המלך געבעטן פונעם אייבערשטן: אז אמונה זאל אים בארואיגן – נישט קיין ידיעה און נישט קיין שכל.

און ער דערציילט א מעשה מיט רבי אלתר יחזקאל מסמולעוויטש, וואס האט ליידער פארלוירן זיין עלטסטן זון בחייו, רחמנא ליצלן (ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום). ער האט מצדיק געווען דין שמים און עס אנגענומען מיט אהבה. ווען דער "ברכת אברהם", רבי אברהם פון סלאנים, איז געקומען מנחם אבל זיין, האט רבי אלתר יחזקאל געזאגט פארן רבי'ן אזוי: עס שטייט אין תהלים "דרך אמונה בחרתי משפטיך שויתי". ווען א מענטש וועלט אויס דעם וועג פון אמונה, און אמונה דינט אלס זיין וועגווייזער און פירער, דעמאלטס "משפטיך שויתי" – אלע משפטים פונעם אייבערשטן זענען גלייך ביי אים. עס איז נישט קיין חילוק צי עס איז מדת הדין צי מדת הרחמים, אלעס איז שוה בשוה, ווייל מיר גלייבן אז ה' הוא האלקים. די ריכטיגע אמונה אינעם אייבערשטן איז צו וויסן אז דער אייבערשטער איז בלויז מדת הרחמים, ווי עס שטייט "ישמחו השמים ותגל הארץ" – וואס די ראשי תיבות זענען דעם שם הוי"ה כסדרן.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת שופטים כח מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**חיזוק און האפענונג פאר די וואס ווארטן אויף א ישועה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! ווי עס האט היינט געזאגט א ״פנים מאירות״ משפחה – א משפחה וואס דארף אזויפיל ישועות: מ׳דארף ישועות מיט געזונט, מיט פרנסה, מיט נחת, מיט זיווגים הגונים, און מיט זרע של קיימא. מ׳דארף האבן א גרויסע ישועה, סיי כלליות׳דיגע ישועות און סיי פרטיות׳דיגע ישועות.

האט די משפחה געזאגט אזוי: עס איז זיכער איינמאל איינס אז די ישועה גייט קומען; זיי האבן אויף דעם נישט קיין שום הוה אמינא. עס איז ברוך השם קלאר ווי דער טאג אז די ישועה איז שוין דא און די ישועה וועט קומען. זיי דאנקען און לויבן נאר דעם אייבערשטן אז זיי האבן די זכיה צו לעבן מיט די שיעורי ״פנים מאירות״, ווייל אזוי, ביז די ישועה וועט פועלן, קאכט מען זיך אין אמונה, מען לעבט אין אמונה, און מען לעבט מיט א ליבשאפט צום אייבערשטן. אויף דעם אליין וועלן זיי זיך שטענדיג בענקען, און דאס וועט זיי שטענדיג פירן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז בזכות די ווערטער אליין זאלן זיי שוין זען גרויסע ישועות, און דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל טאקע זיין אמונה און שמחה. אמונה פשוטה און שמחה, ״פנים מאירות אשבש״, זאלן זיין די וועגווייזער פאר זיי און פאר אלע אידן. מיר זאלן זוכה זיין צו אך טוב וחסד, און דער אייבערשטער זאל אלעס פירן אויף די ריכטיגע וועגן. זאלן מיר לעבן הייליג, לעכטיג, פריילידך, גליקליך און ליסטיג, מיט אמונה פשוטה, מיט׳ן כח התורה און מיט שמחה. דער אויבערשטער זאל העלפן מ׳זאל פועלן אלעס גוטס, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, דאנערשטאג פרשת ראה, כ"ג מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

אין פסוק שטייט: "למען יברכך ה' אלקיך בכל משלח ידך", און עס שטייט אויך: "כי ה' אלקיך ברכך בכל מעשה ידך". דער הייליגער באשעפער לייגט אריין א ברכה אין אלעס וואס א מענטש טוט.

**די עבודה מיט די הענט, נישט מיט'ן קאפ**

א סוחר איז אמאל געקומען זיך באקלאגן פארן הייליגן רבי'ן ר' ברוך פון קאסוב זצ"ל. ער האט דערציילט אז ער לעבט אין א גרויסע עניות, ער האט קוים אויף ברויט צום עסן, ער מוטשעט זיך צו קויפן קליידער פאר די קינדער, צו דעקן די הוצאות הבית, צו צאלן שכר לימוד, און פאר אלע אנדערע געברויכן. "רבי, גלייבט מיר," האט ער גזאגט, "איך האב שוין פרובירט אלע עצות, אלע תחבולות און אלע השתדלות. אלעס וואס א מענטש קען נאר טראכטן אדער טון אין עניני פרנסה האב איך שוין געטון, אבער איך זע נישט קיין שום הצלחה אין גארנישט וואס איך טו."

דער הייליגער רבי ר' ברוך פון קאסוב זצ"ל האט געקוקט אויף דעם איד מיט א שמייכל און מיט א ווארעם הארץ, און מיט א געוואלדיגער רחמנות. ער האט גזאגט פארן איד: "אין די תורה שטייט דאך 'כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ בֵּרַכְךָ בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶךָ' – דער הייליגער באשעפער שיקט א ברכה אין דעם וואס דו טוסט מיט דיינע הענט. עס שטייט נישט 'בכל מעשה ראשך' – אין אלעס וואס דו טוסט מיט דיין קאפ.

**דער אייבערשטער דארף נישט קיין עצות, דער אייבערשטער דארף נישט קיין תחבולות, און דער אייבערשטער דארף נישט דיינע דאגות און זארגן. דער אייבערשטער וויל נאר דו זאלסט אויסוועלן א געוויסע פרנסה וואס דו שפירסט אז עס פאסט פאר דיר און פאר דיין תכונת הנפש, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, און פון דא און ווייטער זאלסטו גלייבן און דאווענען צום אייבערשטן.**

גיב אבער נישט קיין עצות פארן אייבערשטן, און גיב אים נישט קיין פלענער. גלייב אינעם כל יכול, אינעם הייליגן באשעפער, אינעם 'הזן ומפרנס לכל', און אינעם 'טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו'. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן אים ווייזן אז מיר טראסטן אים און אז מיר גלייבן אין אים. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן גלייבן אז 'אין עוד מלבדו', והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.

דער גאנצער ענין פון ארויסגיין עוסק זיין אין פרנסה איז נאר כדי מיר זאלן נישט גלייבן אין אונזערע אייגענע מעשה ידינו; מיר זאלן נישט גלייבן אין 'כוחי ועוצם ידי', און מיר זאלן נישט גלייבן אין אונזערע אייגענע טאלאנטן, חכמה און פארשטענדעניש. מיר זאלן דאס אננעמען פאר א תפקיד און א נסיון צו גלייבן אז דער הייליגער באשעפער איז דער זן ומפרנס לכל, און אלעס קומט צו מיר מיט א השגחה פרטית פונעם הייליגן באשעפער.

**דער שותפות מיט'ן באשעפער: די מעשה פון ר' שמואל ממאראקא**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז געווען אן איש החסד, אן איש מורם מעם, וועלכער האט געוואוינט אין מאראקא, ערגעץ דארט אין די ספרד'ישע מדינות. ער האט געהייסן ר' שמואל. ער איז געווען א געוואלדיגער בעל חסד, א תורה'דיגער איד, אן איש ישר, א צדיק תמים און אן ערליכער איד.

**זיינע קינדער דערציילן אז ער האט געהאט א מנהג: יעדן טאג, פאר ער האט געעפנט זיין געשעפט, האט ער קודם געמאכט א "געשעפט" מיט'ן אייבערשטן. ער פלעגט עפענען זיין פושקע, אריינלייגן א שיינעם סכום געלט און זאגן: "דאס איז פאר'ן הייליגן באשעפער."** דאס געלט פלעגט מען געבן פאר ישיבות, מוסדות, ארימעלייט, און פאר אלע צדקה צוועקן וואס מען האט געדארפט אינעם שטאט. ווען אימער מ'איז געקומען נאך געלט, האט מען עס ארויסגענומען פון דארט.

ער האט יעדן אינדערפרי געמאכט א שותפות מיט'ן אייבערשטן. קודם שיידט מען אפ פאר'ן באשעפער, און ערשט נאכדעם וואס מ'האט שוין געגעבן פאר'ן אייבערשטן און אים אריינגעברענגט אינעם געשעפט, יעצט קען מען אנהייבן ארבעטן אויף פרנסה. "ברכת ה' היא תעשיר", "וברכך ה' אלקיך בכל מעשה ידך אשר תעשה". ער האט מיט דעם געוויזן זיין אמונה, אז ער מאכט כביכול א שותפות מיט'ן הייליגן באשעפער דורך לעבן מיט אים שטענדיג.

ער האט נישט געלעבט א לעבן פון א גאנצן טאג טראכטן נאר פון טון דאס אדער יענץ כדי צו ווערן אן עושר, מיט אלע מחשבות און דמיונות וואס דרייען זיך אין א מענטשנס קאפ. ער האט געטון איין זאך: ער האט געגלייבט. ער האט געגלייבט אין "מה' מצעדי גבר כוננו", ער האט געגלייבט אין "רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום", ער האט געגלייבט אין "ברכת ה' היא תעשיר".

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

וואס האט ער געטון? ער האט אנגעהויבן דעם טאג מיט מצות צדקה; ווען עס זענען געקומען עניים, נצרכים אדער מוסדות, האט ער פאר יעדעם געגעבן געלט. עס האט אים אפילו נישט אנגעגאנגען ווער עס איז באמת אן ארימאן און ווער נישט, צי עס איז א גרעסערע צוועק אדער א קלענערע צוועק; ער האט נישט געמאכט קיין חשבונות, ווייל ער גיט עס פארן אייבערשטן און ער ברענגט אריין א שותפות מיטן באשעפער אין זיין טאג.

**אריינברענגען דעם אייבערשטן אין יעדען ריר פונעם טאג**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזוי דארף א איד צו לעבן. מען שטייט אויף אינדערפרי און מען הייבט אן דעם טאג מיטן אייבערשטן מיט "מודה אני"; מען טוט גארנישט פארן גיין אין מקוה. מען זאגט ברכות השחר און ברכות התורה, מען לייענט די דריי פרשיות פון קריאת שמע, מען דאווענט און מען בעט אויף לימוד התורה און מען זאגט די "יהי רצון"ס. מען האט אוועקגעגעבן דעם אנהייב פונעם טאג פארן אייבערשטן; מען זאגט עס ארויס מיטן מויל, מען טראכט עס אין די מחשבה, און מען פירט עס אויס למעשה: "איך בין א 'פנים מאירות' איד, איך לעב!" איך גיי אנגיין דעם היינטיגן טאג מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, "ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום". איך בין מבטל אלע מיינע רצונות צום רצון השם; איך בין א געטריי קינד און א געטרייער סאלדאט פארן הייליגן באשעפער. מען ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין דעם טאג.

דערנאך נעמט מען א גלעזל קאווע אדער טיי. קודם מאכט מען די ברכה "ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו" און ערשט דערנאך טרינקט מען די טיי; דאס גיט מען אויך אפ פארן אייבערשטן, און נאכדעם מאכט מען א ווארימע ברכה פון "בורא נפשות".

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן אריינברענגען דעם אייבערשטן אין יעדע זאך. קודם דער אייבערשטער, אינמיטן דער אייבערשטער, און דער סיום דארף אויך זיין דער אייבערשטער**; עס דארף זיך שטענדיג ענדיגן מיט'ן בורא כל עולמים. מ'דארף צוגעוווינען די שפראך צו רעדן פונעם אייבערשטן: "דער אייבערשטער האט געהאלפן", "דער אייבערשטער האט געברענגט", "דער באשעפער האט געמאכט". נישט רעדן פון "איך", "מיך", און "זיך", און נישט רעדן פון יענעם, נאר פונעם אייבערשטן. דאס היט אפ א מענטש ער זאל נישט רעדן לשון הרע, רכילות, מחלוקת און פירוד לבבות, און עס העלפט אים ער זאל לעבן מיט אמונה און לעבן מיט'ן אייבערשטן.

**חדות הימים: די שמחה פון די טעג**

אין ספר נפלאות התפארת שלמה (אות קכ"ט) דערציילט ער אזוי: דער הייליגער תפארת שלמה האט אמאל פארציילט פאר זיין חבריא קדישא, אז אין עולם העליון זענען די טעג געקומען מיט א טענה. די טעג פון די וועלט זענען געקומען פארן הייליגן באשעפער און זיך באקלאגט אז זיי האבן נישט קיין שום שמחה; זינט דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, זענען זיי נישט קיין שום פרייד. אדם הראשון איז באשאפן געווארן און האט תיכף געזינדיגט, דערנאך איז געווען דער דור המבול און דער דור הפלגה, און די טעג האבן פשוט נישט געהאט קיין שמחה. האט דער הייליגער באשעפער געזאגט: "ווארט א ביסל, אברהם אבינו וועט קומען און ער וועט מפרסם זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און דעמאלט וועלן די טעג האבן מיט וואס זיך משמח צו זיין." זאגט ער, אז ער כך הוה; פון דעמאלט אן, פון אברהם אבינו'ס צייטן, קומען די טעג יעדן טאג מיט א דאנק און א שבח פארן אייבערשטן, מיט א גרויסע חדוה. יעדן טאג האט דער טאג מיט וואס זיך צו פרייען. אויף דעם האט דער הייליגער תפארת שלמה געטייטשט דעם פסוק "ואברהם זקן בא בימים" – אברהם אבינו האט מיטגעברענגט די טעג; ער האט אריינגעברענגט אין די טעג די מעגליכקייט אז זיי זאלן קענען לעבן מיט א שמחה פארן הייליגן באשעפער.

האט דער הייליגער "תפארת שלמה" אויפגעהויבן זיין קול און מיט א שטארקער שטימע געזאגט: "חדות ימים ושנות עולמים". ער האט מסביר געווען אז די טעג אליין האבן א שמחה פון די קדושה און פון די עבודה פון די "שנות עולמים" – פון ווען די וועלט איז באשאפן געווארן. ווייל אלע טעג און יארן וואס זענען אדורכגעגאנגען זינט בריאת העולם ביז יעצט, האבן אלע באקומען א תיקון דורך די שמחת החיים וואס די טעג האבן יעצט. "חדות ימים" – די טעג אליין האבן זיך געפרייט. עס איז געווארן א געוואלדיגע שמחה, און די חבריא קדישא האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן מיט אן אויסערגעוויינליכע פרייד.

א זקן וואס איז דארט געווען האט דערציילט, אז צווישן די אנוועזנדע איז געווען א חסיד ר' איטשעלע, וועלכער איז געווען דער מורה צדק אין לינטשיץ, און ער האט זיך שטארק מיטגעפרייט. א יאר שפעטער זענען זיי זיך ווידער צוזאמגעקומען אין די אכסניא אין ראדאמסק. יענע צייט איז דער הייליגער "תפארת שלמה" געווען אין א מצב וואס ער האט פארשלאסן די טיר; ער האט נישט געוואלט אויפנעמען קיינעם און נישט געוואלט געבן קיין "שלום עליכם". די חבריא קדישא איז געזעסן מיט הכנעה אין די אכסניא, און זיי האבן

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

זיך דערמאנט אז פונקט א יאר צוריק האט דער רבי געזאגט "חדות הימים", אז די טעג אליין האבן א שמחה. זיי האבן איבערגעחזר'ט די ווערטער מיט די זעלבע תנועות וויאזוי דער רבי האט עס געזאגט, אז די טעג אליין האבן זיך געפרייט, און עס איז נתעורר געווארן אזא שמחה אז זיי האבן זיך גענומען טאנצן פונקט ווי א יאר פריער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, האט איר געהערט וואס דער הייליגער תפארת שלמה זאגט? ער זאגט אז די טעג טאנצן פון שמחה. **ווען טאנצן די טעג פון שמחה? ווען מיר זענען בשמחה**, ווען מיר זענען מקיים די מצוות התורה מיט פנים מאירות, מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה. ווען מיר לעבן אין דביקות הבורא און מיר לעבן אין די שמחה פון "שלא עשני גוי". איר הערט? די טעג פרייען זיך מיט. אויב האסטו א פארטרויערטן טאג, איז דאס א סימן אז דו האסט דעם טאג פארטרויערט. **דער טאג קען נישט ווערן בשמחה נאר אויב מיר אידן מאכן אים משמח. מיט וואס מאכן מיר אים משמח? מיט דעם וואס מיר פארשפרייטן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט**, מיר פארשפרייטן די אהבת הקדוש ברוך הוא, די אהבת התורה, און אהבת ישראל.

**אמונה אין א אידישע נשמה און אהבת ישראל**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רבי שלמה'קע זוועהילער פלעגט שטענדיג זאגן, אז פונקט ווי א איד דארף גלייבן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אזוי דארף ער גלייבן אין יעדע נפש מישראל. ביי יעדן איינעם אן אויסנאם, איז נישטא קיין שאך אויף די גרויסקייט פון יעדע אידישע נשמה. **יעדע אידישע נשמה האט א חלק אלוק ממעל**. אז א איד לעבט מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, האט ער אויך אמונה פשוטה אין אידישע קינדער.

רבי יהודה לייב, דער טאטע פון רבי מאטעלע סלאנימער, האט פארציילט אז ער האט זיך אמאל באקלאגט פאר זיין רבי'ן, דעם "יסוד העבודה", אז עס קומען צו אים ידידים און היימישע מענטשן וואס האלטן אים אויף זיין צייט, און עס קומט אים נישט אויס צו לערנען תורה. האט אים דער יסוד העבודה געזאגט: **"עס איז בעסער איין שעה וואס חברים זיצן אינאיינעם, וואס דאס ווערט גערעכנט כאילו מען האט געלערנט פילע פרקי משניות.** און אפילו ווען זיי האבן נישט קיין דברי תורה וואס צו רעדן, נאר זיי לאכן אפ פון די וועלט, וואלט זיך שוין אויך כדאי געווען דארט צו זיצן."

און נאך מער פון דעם, רבי אהרן קארלינער האט געזאגט אז דאס אליין — אפילו ווען עס זענען נישט דא קיין דיבורים, עס איז נישט דא וואס צו רעדן, נישט דא קיין מוסר און התחזקות, מען האט אפילו נישט קיין סיפורי צדיקים און מען לאכט אפילו נישט אפ פון די וועלט — אבער דאס וואס מען זיצט מיט אהבת חברים און עס מאכן זיך שמועסן, איז שוין גוט; און אויב נישט, זיצט מען זיך פשוט אזוי אינאיינעם מיט ליבשאפט.

הערט איר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? דאס איז א חלק פון אונזער אמונה פשוטה, די אהבת חינם און אהבת ישראל. ליב צו האבן איין איד דעם צווייטן; און ליב האבן איין איד דעם צווייטן מיינט: א ווייב דעם מאן און א מאן דאס ווייב, די עלטערן די קינדער און די קינדער די עלטערן, די מחנכים און מחנכות מיט די תלמידים ותלמידות, די ארבעטסגעבער מיט די ארבעטער, די שכנים און שכנות, און אז אלע אידן בכל מקום שהם דארפן לעבן מיט א געוואלדיגע אהבה.

די אהבת ישראל ברענגט ארויס אונזער אמונה פשוטה אינעם הייליגן באשעפער. ווי מער אהבת ישראל, ווי מער וויתור, אלס מער קען א מענטש זיך האלטן און נישט שרייען, נישט ווערן אויפגערעגט, און זיך נישט אננעמען פאר זיין אייגענעם כבוד, נאר בלויז פארן כבוד שמים. וויאזוי נעמט מען זיך אן פארן כבוד שמים? אז מ'ווערט נישט ברוגז אויף זיינע קינדער, מ'האט נישט קיין טענות אויף זיינע קינדער, און מ'שרייט נישט אויף זיינע קינדער. מ'צעברעכט נישט זיינע קינדער, מ'צעהאקט זיך נישט אפ פון זיינע קינדער, און מ'צעקריגט זיך נישט מיט זיינע קינדער. מ'לעבט מיט א חיות, מיט א ווארעמקייט, און מיט א ליבשאפט צו אהבת ישראל, וואס דאס ברענגט צו אהבת הקדוש ברוך הוא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אונזער עבודת הקודש. אונזער עבודת הקודש איז צו טרעפן דעם "הוודאי שמו כן תהלתו", דעם "כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו", דאס צו טרעפן, חזר'ן און אריינברענגען אין אונז און אין אונזערע קינדער. דער תפקיד פארוואס מיר זענען דא אויף דער וועלט איז צו האבן נסיונות און צו זיין עומד בנסיון. דער תפקיד פארוואס מיר זענען דא אויף דער וועלט איז צו פארשפרייטן אז עס איז דא א זיסער, לעכטיגער באשעפער אויף דער וועלט. הקל הגדול הגבור והנורא שנקרא עלינו, ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו. ...נמליכו וניחדו.

הערט, דאס איז אונזער תפקיד, דאס איז אונזער תכלית החיים: ממליך זיין קודשא בריך הוא ומלכותיה בכל קצווי תבל – אויף מיר,

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אויף יעדן אבר, אויף יעדן גיד, אויף יעדע תנועה קלה שבקלה, און אוודאי אויף אנדערע אידן. אויף ערליכע אידן. אלעס הענגט, קלעבט, טראכט און קאכט זיך אינעם הייליגן באשעפער און אין די אמונה פשוטה פונעם הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'דארף היטן דעם דיבור; בארעדט נישט כלל ישראל, באזינגט נישט כלל ישראל, און לייגט נישט אראפ כלל ישראל מיט א שוואכן פארב אדער מיט שוואכע קאלירן. און טאמער איר הערט אזא מין שמועס אדער איר לייגט אזא מין באשרייבונג, ווארפט עס אראפ פון די האנט און קוקט עס נישט אן. מיר דארפן לעבן מיט אהבת ישראל, מיר דארפן זיך צוגעוויינען פאזיטיוו, און מיר דארפן זיך צוגעוויינען צו לעבן מיט אמונה און מיט ליבשאפט. מ'וועט זיך מוסר נפש זיין איין איד פאר'ן צווייטן, און מ'וועט זיך אוועקגעבן איין איד פאר'ן צווייטן. הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער, מ'זאל פועלן כל מיני ישועות אין א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## כיבוד אב ואם

כיבוד אב ואם, "צען מינוט", דער צוואנציגסטער שיעור, בסיעתא דשמיא.

**די געוואלדיגע כוח און רווחה פון מצוות כיבוד אב ואם**

מיר האבן פארציילט אינעם "גוט מארגן" שיעור א מעשה וואס א חתן האט מפרסם געווען, וואס ער האט זוכה געווען דורך מקיים זיין מצוות כיבוד אב ואם. פון דעם דארף מען זיך לערנען וואס מ'פארדינט אלץ און וואסארא רווחה מ'האט דורך כיבוד אב ואם. דא רעדט מען פון א חתן וואס האט זיך געמוטשעט מיט זיין טאטע; דער טאטע איז געווען א גאר שווערער מענטש. ער האט אויסגעהערט די שיעורים, ער איז מקיים דעם מהלך פון "פנים מאירות", און ער האט געזען א געוואלדיגע ישועה דורך די שיעורים פון כיבוד אב ואם.

**מיר בעטן דעם עולם מ'זאל מפרסם זיין מעשיות; מענטשן זאלן אריינרופן און איבערגעבן מעשיות, אותות ומופתים, ישועות, און די גוטע געפילן וואס מ'האט זוכה געווען דורך די מצוה פון כיבוד אב ואם. דערציילט וואס איר האט אלץ משנה געווען אין אייער לעבן, און וואס עס האט זיך געטוישט ברוחניות ובגשמיות דורכ'ן הערן די שיעורים און ווערן נאנט מיט די עלטערן.**

**א מורא'דיגע מעשה פון א חתן וואס האט זוכה געווען צו א ישועה**

א חתן האט אריינגערופן מפרסם זיין א מעשה פון כיבוד אב ואם, וואס דאס איז א געוואלדיגע מוסר השכל. מיר זאגן דאך שטענדיג ביי די "צען מינוט" שיעורים איבער כיבוד אב ואם וועגן דעם געוואלדיגן שכר וואס מ'האט און וואס מ'זעט בעולם הזה זייער שנעל, וואס דער אייבערשטער געבט אונז פאר די מצוה פון כיבוד אב ואם.

דער חתן דערציילט, אז ער האט גרויסע נסיונות מיט כיבוד אב ואם; ער קומט זיך נישט אויס אזוי גוט מיט זיין טאטן. דער טאטע איז שארף אויף אים, דער טאטע איז אנגעצויגן אויף אים, און דער טאטע קאנטראלירט אים זייער שטארק, אבער ער וויל ארבעטן אויף כיבוד אב ואם. און אזוי ווי ער איז א חתן, גייט ער אויך צו א חתן-רבי, און דער חתן-רבי האט אים אויך געזאגט: "מען קען נישט אזוי חתונה האבן; מען דארף חתונה האבן מיט כיבוד אב ואם, מיט שעצן א טאטן, און מיט ארויפקוקן אויף א טאטן." ווען מען גייט צו א חתונה, דארף מען דאך האבן דעם זכות אויך. און דא רעדט מען פון א חתן, א "פנים מאירות" חתן, וואס לעבט מיט די שיעורים, און דער חתן האט געשפירט ביי זיך אז עס איז באמת שווער. ער האט אבער מחליט געווען אז ער גייט נעמען די מצוה אין די הענט. און נישט נאר "לפנים" פארן טאטן – וואס דאס האט ער ביז יעצט אויך פרובירט אויפן שענסטן און בעסטן אופן וואס ער קען, מקיים צו זיין כיבוד אב ומורא אב ואם – נאר באמת אין הארצן ארויפקוקן אויפן טאטן, שעצן דעם טאטן, מלמד זכות זיין אויפן טאטן, און פארשטיין דעם טאטן. ער האט מקבל געווען אויף זיך די עבודת הקודש.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דער חתן דערציילט מיט גרויס התרגשות, אז וויבאלד ער האט מקבל געווען די עבודת הקודש בלב שלם ובנפש חפצה, מיט אן אמת'דיגן רצון צו טון דעם רצון השם, האט ער געהאט א געוואלדיגע ישועה.** עס איז נאכנישט געווען קיין דירה, אבער פונקט יענעם טאג האט מען א דירה באקומען. די שכירות איז טאקע געווען א גאנץ גוטע פרייז לויט דעם מארקעט, אבער פונדעסטוועגן איז עס נאך אלץ געווען אביסל צו טייער פאר אים, כדי ער זאל קענען ווייטער זיצן און לערנען רואיג.

דער אויבערשטער האט אים געוויזן א געוואלדיגן מופת דורך השגחה פרטית פונעם כל יכול. זיין טאטע, וואס איז בטבע נישט קיין גרויסער געבער און נישט אזוי איבערגעגעבן אדער געטריי פאר די קינדער — אזוי האט כאטש דער חתן געמיינט — האט אים פלוצלינג געזאגט: "איך וויים אז דו ווילסט זיצן און לערנען, און איך שעץ דיין תורה." דער טאטע האט אים צוגעזאגט אז פאר די קומענדיגע צוויי יאר וועט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ער אים געבן א גרויסן חלק פון די רענט, כדי ער זאל קענען זיצן און לערנען מיט אן ישוב הדעת.

דער חתן זאגט, אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געהערט א גוט ווארט פון זיין טאטן; דאס ערשטע מאל וואס ער האט געזען אז זיין טאטע שעצט אים און זיין תורה, און דאס ערשטע מאל וואס ער האט געשפירט די ווארעמקייט ווי א טאטע זארגט זיך פאר זיין קינד: "מיין קינד, איך גיי דיר ארויסהעלפן נאך די חתונה." די "כמים הפנים לפנים" האט ארויסגעשיינט, ווען דער אייבערשטער האט געמאכט אז עס זאל אויפלייכטן פאר א איד וואס וויל באמת מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם כתיקונו מיט אלע הידורים, אזוי ווי מיר זאגן אין די שיעורים. דער זעלבער טאטע, וואס ער האט פריער געשפירט אז ער קען אים נישט אויסהאלטן, האט אים פלוצלינג צוריקגעלאכטן. נאכדעם וואס דער חתן האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין "ענוה" און אין כיבוד אב ואם – נישט נאר בפועל, נאר אויך אין הארצן – האט דער אייבערשטער געמאכט אז טאקע דורך דעם טאטן זאל אים צוריקקומען אזא ליכטיגקייט.

**דער קשר צווישן כיבוד אבות, זכות אבות, און די שכינה הקדושה**

נאכ'ן הערן די מעשה האבן מיר זיך אריינגעטראכט אין א געדאנק, מ'קען עס אפשר אזוי זאגן: מיר בעטן יעדן טאג ביים אייבערשטן "זכות אבות", מיר זאגן "וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם". מיר בעטן זכות אבות, מיר דערמאנען זכות אבות, און מיר דערמאנען די דורכגאנגען פון די אבות הקדושים. מיר טראכטן אז פונקט ווי א מענטש, ווען חלילה ער היט נישט קיין תורה און אידישקייט און איז אינגאנצן אפגעהאקט, פארשטייט יעדער איינער אז אזא מענטש קען נישט מתפלל זיין אויף זכות אבות; ווייל זכות אבות העלפט נאר דעמאלטס ווען מען גייט אין די וועגן פון אונזערע אבות הקדושים.

אזוי ווי די תורה האט אזוי שטארק צוגעגליכן די מצוה פון כיבוד אב ואם און די מצוה פון מורא אב ואם צו די מצוה פון כיבוד שמים און מורא שמים, איז דאך דער פשט אז ווען א קינד האקט חלילה וחלילה אפ מיט זיין טאטן אדער מיט זיין מאמען – ער רעדט נישט מיט'ן טאטן, ער רעדט נישט מיט דער מאמע, ער איגנארירט דעם טאטן און די מאמע און ער האט נישט קיין שייכות מיט זיי – האט ער חלילה וחלילה אפגעהאקט מיט'ן הייליגן באשעפער. די תורה זאגט אז ווען מען איז מצער א טאטן אדער א מאמען, איז מען מצער די שכינה הקדושה, מען איז מצער דעם אייבערשטן. ווען מען טוט ווייי א טאטע און א מאמע, טוט מען וויי די שכינה הקדושה, דעם הייליגן באשעפער.

**מען דארף פארשטיין פון דעם, אז ווען מען האקט אפ מיט א טאטע און א מאמע, האט מען אפגעהאקט מיט די שכינה הקדושה און מען האט אפגעהאקט מיט די אבות הקדושים.** דער איינציגסטער וועג וויאזוי מיר קומען אן צו אונזערע אבות הקדושים איז דורך דור-דור. אויב מיין טאטע איז מיין טאטע, איז מיין זיידע מיין זיידע, און מיין עלטער-זיידע מיין עלטער-זיידע, ביז אברהם אבינו. אבער מיר דארפן פארשטיין: **אויב איך האב אפגעהאקט מיין קשר מיט מיין טאטן, האב איך נישט קיין טאטע, איך האב נישט קיין זיידע, און איך האב נישט קיין עלטער-זיידע. עס גייט נישט קיין קשר וואס איז אויסגעלאזט אינצווישן; א קשר דארף זיין א גראדע קשר.** און אונזערע אבות הקדושים, וואס געפינען זיך ברומי שמים ובגנזי מרומים, זענען זיכער נישט מוותר אויף איינעם וואס האקט אופ מיט די עלטערן, וואס רעדט נישט צו די עלטערן, וואס איגנארירט די עלטערן. און כל שכן איינער וואס איז מצער און מבזה און דערנידריגט די עלטערן, קוקט אראפ די עלטערן, און פארשעמט די עלטערן בעיני קהל ועדה.

מ'דארף וויסן אז ווען קינדער נעמען זיך נישט אן פאר די טאטע און מאמע, זיי העלפן נישט די עלטערן און זענען נישט אויף איין בלעטל מיט זיי, ווערט דאס נתפרסם. די משפחה ווייסט דערפון, חברים ווייסן דערפון, חברותות, שכנים און אנדערע מענטשן; דאס פאראורזאכט גרויסע יסורים און בושות פאר די עלטערן, און דאס אלעס ברענגט כביכול יסורים און בושות פארן הייליגן באשעפער.

דא זעט מען אבער א חתן וואס האט געטון פונקט פארקערט: אנשטאט ער זאל אפהאקן אדער אנטלויפן, האט ער זיך אנגעווארעמט. ער האט געלערנט די שיעורי "פנים מאירות" און געהארעוועט אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם, גלויבנדיג אז די מצוה קען נאר ברענגען "למען ייטב לך והארכת ימים". וואס ער האט טאקע געזען איז אז דער רבונו של עולם האט אים אויפגעלאכטן "כמים הפנים לפנים"; זיינע זכות אבות און די שכינה הקדושה האבן אים באגלייט. ער ווערט באגלייט דורך קדושים וטהורים, סיי די וואס זענען דא און סיי די וואס געפינען זיך שוין אין עולם העליון. מה שאין כן ווען מ'האקט אפ פון עלטערן אדער מ'איגנארירט זיי, דארף מען וויסן אז מ'האקט זיך אפ פון די שכינה הקדושה; מ'האט נישט קיין סיעתא דשמיא און מ'האט נישט קיין הילף, נישט פונעם אייבערשטן און נישט פון די אבות הקדושים. רחמנא ליצלן, דער הייליגער באשעפער זאל אונז שומר ומציל זיין.

וואס וועסטו פרעגן? אז "דרך רשעים צלחה"? אז ווען מענטשן טוען דאס, הייבן זיי אן שפירן: איך בין א מענטש פאר מיר אליין, איך קען

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

לעבן, איך קען אטעמען, איך קען ארבעטן, איך קען דאווענען, איך קען פירן מיין משפחה, און איך האב שלום בית? דאס איז בלויז אן אויגנבלענדעניש. דרך רשעים איז אייביג מצליח; די תורה הקדושה און דער צד הקדושה זענען שטענדיג אין נסיונות. דאס איז א פשוט'ע זאך. דאס איז נישט נאר נישט קיין ראיה, נאר פארקערט, דאס איז א ראיה אז מען פירט זיך נישט ריכטיג.

**מוסר און הדרכה פון שלמה המלך און די חכמים איבער שמועסן צו עלטערן**

ס'איז דא א ספר המוסר פון רבי יהודה בן רבי שלמה אלחריזי, וואו ער ברענגט אזוי: א זון איז מחויב צו טון דעם רצון פון זיין טאטן; ער זאל נישט טון קיין זאכן וואס זיין טאטע וויל נישט ער זאל טון. עס שטייט אין משלי "שמע בני מוסר אביך" – דו דארפסט וויסן אז דיין טאטע פירט דיך אויף די ריכטיגע וועגן, ווייל דיין טאטע האט דיך ליב. די איינציגסטע וואס פירן דיך באמת אויפן דרך הטובה והישרה זענען דיין טאטע און דיין מאמע, ווייל זיי האבן דיך ליב און זענען באמת באזארגט פאר דיר.

כאטש די היינטיגע וועלט און דער יצר הרע זאגן אז דער טאטע מיינט נאר זיך און די מאמע מיינט נאר זיך, זיי זענען נארקיסיסט, זיי זענען עגאיסטן רחמנא ליצלן – וואס מ'לייגט ארויף אזעלכע שטעמפלען אויף די עלטערן. אבער אין די תורה שטייט נישט אזוי. אין די תורה שטייט "שמע בני מוסר אביך", ווייל דיין טאטע האט דיך ליב. שלמה המלך זאגט: "שמע לאביך זה ילדך". זאגט דער ספר המוסר, שלמה המלך זאגט: הער צו צו דיין טאטן. ווייסטו פארוואס? ווייל "זה ילדך" – ווייל ער האט דיך געבוירן, און ממילא האט ער דיך ליב. דו דארפסט גלייבן אין דעם, דו דארפסט גלייבן אין די תורה הקדושה. די תורה הקדושה זאגט: יא, דיינע עלטערן האבן דיך ליב. נעם אן זיינע מצוות און זיינע באפעלן, ווייל ער לערנט דיך אויס דעם ריכטיגן וועג וואס איז פאר דיר זייער וויכטיג.

די זעלבע זאך שטייט, שלמה המלך זאגט: "ואל תבוז כי זקנה אמך". נעם אן די עצה פון דיין מאמע, פארשעם איר נישט, און זאג נישט אז זי איז אלט און זי פארשטייט שוין נישט; ווייל זי איז די וואס זארגט פאר דיר, און זי איז די וואס גייט דיר געבן די ריכטיגע עצות.

די גמרא ברענגט אין ערכין י"ט: "סבתא בביתא סימנא טבא בביתא". א טאטע און א מאמע – אזוי שטייט אין ספר המוסר – זאגן עצות פאר די קינדער, אבער דעם קינד זעט עס אויס ווי עס איז נישט צו זיין טובה, און ער מיינט אז די עלטערן האבן נישט געהאט זיין אינטערעס אין זין מיט די עצה. דאס קומט דערפון ווייל די טבע פון יונגע מענטשן איז אז זייער רצון איז פארקערט ווי די טבע פון עלטערע מענטשן, און ממילא קוקן די יונגע אן די עלטערע ווי זיי רעדן נארישקייטן און ווי זיי פארשטייען נישט.

זאגט דער ספר המוסר: דאס איז א יצר הרע. דער אמת איז, אז דיין טאטע און דיין מאמע, ובפרט ווען זיי זענען עלטער, איז זייער עצה ריכטיג, און דו זאלסט אננעמען זייער עצה. דער יצר הרע פארבלענדט די אויגן מיט א פארבלענדעניש, אז "זיי פארשטייען נישט", "זיי ווייסן נישט", "זיי טראכטן נאר פון זיך", אדער "זיי לעבן אין זיך" – דאס אלעס איז א יצר הרע'דיגע שפראך.

ער ברענגט דארט ווייטער אז מען טאר נישט מצער זיין א טאטע אדער א מאמע. שאול המלך האט געזאגט צו זיין יונג: "לכה ונשובה" – לאמיר צוריקגיין, "פן יחדל אבי מן האתנות" – אפשר וועט דער טאטע שוין אויפהערן צו זוכן די אייזלען ווייל "ודאג לנו", ער וועט אנהייבן זארגן פאר אונז, וואו מיר געפינען זיך. מען טאר נישט גורם זיין קיין צער פאר עלטערן.

**פראקטישע עצות: זיין בקשר מיט די עלטערן און פארמיידן צער**

**יעצט טראכט אריין, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער: אויב איר רופט נישט דעם טאטן און די מאמען זאגן "גוט שבת", אדער איר רופט נישט יעדע טאג-צוויי פרעגן וואס מאכט איר; אויב איר רופט נישט פארציילן פארן טאטן און דער מאמען וואו איר ארבעט און וואו איר מאכט געלט, אדער פארציילן שיינע זאכן פון די קינדער אין די מוסדות – איז דאס אן עבירה פון כיבוד אב ואם, אפילו איר האט שוין חתונה געמאכט די קינדער, פארציילט פאר אייער טאטע און מאמע. א טאטע און א מאמע לעכצן צו וויסן און מיטצוהאלטן מיט די קינדער.**

איר זאלט וויסן, טייערע אידישע קינדער: ווען א קינד דאווענט אין בית המדרש און ער הערט פון א חבר אז זיין ברודער איז א חתן געווארן, בלאזט מען און מען ווערט אויפגערעגט. "דיין טאטע און מאמע האבן מיר דאס נישט געקענט זאגן? איך דארף דאס הערן אין בית המדרש?" דאס איז טאקע אזוי, טראץ דעם וואס דיין טאטע און מאמע האבן נישט קיין שום מצוה מן התורה דיר צו זאגן. אבער ווען דיין טאטע און מאמע ווערן געוואויר אין בית המדרש אדער אויף די גאס זאכן וועגן דיר, וועגן דיינע קינדער, וועגן דיינע אייניקלעך אדער וועגן דיין לעבן, און זיי האבן דאס פריער נישט געוואוסט, איז דאס אן אומדערטרעגליכע צער; און דו האסט א חיוב דאורייתא זיי נישט גורם צו זיין דעם צער.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת ראה כג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איי, אפשר ווילן זיי נישט? אפשר האלטן זיי אנדערש ווי דו? קודם כל, מן הסתם זענען זיי געוועוונליך גערעכט. און אפילו אויב נישט, איז דא א וועג—עס איז דא א תורה׳דיגע וועג. איגנארירן, באהאלטן, אנטלויפן, און גורם זיין בושות און צער פאר עלטערן, זענען יסורים גדולים ונוראים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייט מקיים כיבוד אב ואם בהידורים, און לייגט צו צום הידור מצוה נאך און נאך. הערט נאכאמאל איבער די שיעורים ״צען מינוט כיבוד אב ואם״, וואו מיר זאגן געוואלדיגע רעיונות מפי ספרים וסופרים. הערט די שיעור כללי׳ס אויף כיבוד אב ואם וואס מיר האבן דא אויף די ליניע. לייגט זיך אריין דערין, און איר וועט זוכה זיין צו ״למען ייטב לך והארכת ימים״.

.

## **זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערשק פרשת ראה כד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, פרייטאג ערב שבת קודש פרשת ראה, שבת מברכים חודש אלול, כ"ד לחודש מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן ערב שבת קודש; א פרייליכן, לעכטיגן געבענטשטן שבת קודש; און א פרייליכן און לעכטיגן געבענטשטן תמיד

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער.

**אלעס וואס א מענטש באקומט קומט דירעקט פונעם באשעפער**

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט דער פסוק: "איש כמתנת ידו כברכת ה' אלקיך אשר נתן לך". מיר האבן געזען א ווארט פון רבי יוסף אלימלך כהנא זכרונו לברכה, ה' ינקום דמו, וואס ער האט אזוי געזאגט: ווען ראובן געבט א מתנה פאר שמעון, וועט שמעון נישט זאגן "יישר כח" פאר ראובן'ס האנט וואס האט אים איבערגעגעבן די מתנה, נאר ער וועט זאגן "יישר כח" פאר ראובן אליין, ווייל די האנט איז נישט דער וואס געבט די מתנה, נאר ראובן איז דער וואס געבט עס. אזוי אויך דארף א מענטש וויסן, אז אלעס וואס מיר באקומען ווענדט זיך נישט אין דעם שליח פון וואו מיר באקומען עס; אלע פלעצער פון וואו מיר באקומען עפעס זענען בלויז ווי די האנט פון א מענטש, אבער דער אייבערשטער אליין איז דער וואס געבט אונז אלעס.

"איש כמתנת ידו" – יעדער איינער זאל אריינטראכטן: ווען מען באקומט א מתנה פון א האנט, דאנקט מען דעם וואס גיט עס און נישט די האנט אליין. אזוי דארף א מענטש וויסן, "כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך" – אלעס וואס מיר האבן און אלעס וואס מיר באקומען, איז א ברכה פונעם הייליגן באשעפער. מיר דארפן נאר דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער, און אים געבן שבח והודאה, "הודו לו ברכו שמו כי טוב ה' לעולם חסדו".

דאס איז סיי ווען עס זעט אויס גוט אין אונזערע אויגן, און סיי ווען עס זעט אויס נישט גוט. אלעס, אן אויסנאם, באקומען מיר פונעם הייליגן באשעפער, און מיר דארפן אים זיין מכיר טובה. מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלעס, בלי שום יוצא מן הכלל, ווייל אמאל זעט מען דעם גוטס אפן, און אמאל דארף מען גלייבן. **מיר דארפן שטענדיג האבן די ריכטיגע אמונה און בטחון, און אנערקענען אז נאר דער אייבערשטער טוט אלעס. קיינער קען אונז גארנישט טון – נישט קיין איד און נישט קיין גוי, נישט קיין אדם און נישט קיין בהמה, חיה, שקצים ורמשים אדער פיש – גארנישט; קיין שום באשעפעניש האט נישט קיין כח, נאר דער הייליגער באשעפער אליין.**

**די השגחה פרטית פון נאכגעבן למען השלום**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. א משפחה פון "פנים מאירות" פארציילט, אז ביי איינעם פון די משפחה מיטגלידער האט זיך געמאכט א גרויסער געלט-שאדן, און יענער האט געהאלטן אז זיי זענען שולדיג דעריין און דארפן אים עס באצאלן. זיי האבן קלאר געהאלטן אז יענער איז זיך טועה, נישט אז זיי האבן אים פאראורזאכט דעם שאדן און נישט אז זיי דארפן אים באצאלן – נישט על פי הלכה און נישט אלץ לצאת ידי שמים; זיי האבן בכלל נישט געהאלטן אז עס האט א שייכות מיט זיי אדער אז זיי דארפן דאס באצאלן. אבער אזוי ווי זיי לעבן מיט די שיעורים פון פנים מאירות, זיי זענען אשב"ש אידן אמונת שלום, בטחון, און שמחה אידן, האבן זיי באשלאסן אז אויב זיי וועלן באצאלן וועט זיין שלום, עס וועט זיין מנוחה ושמחה, אורה ליהודים, אהבה, אחוה, שלום ורעות – לאמיר עס באצאלן למען השלום. און זיי האבן עס טאקע באצאלט, און שלום על ישראל.

שפעטער האט זיך דער קאר פונעם ראש המשפחה צעבראכן, און לכאורה בדרך הטבע וואלט מען געדארפט צאלן א סאך געלט דאס צו פאררעכטן. צום סוף האבן זיי געטראפן איינעם וואס האט עס פארראכטן פאר א גאר א ביליגער פרייז. זיי האבן אויסגערעכנט אז דער חילוק צווישן די נארמאלע טייערע פרייז און דעם ביליגן פרייז וואס זיי האבן געצאלט — דאס וואס זיי האבן דא אפגעשפארט — איז געווען פונקט די סומע וואס זיי האבן באצאלט פאר יענעם "למען השלום". דער אייבערשטער האט עס צוריקגעצאלט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "אין אדם שומע לי ומפסיד". **דער הייליגער באשעפער וויל נישט מיר זאלן האבן געלט דאגות, דער אייבערשטער וויל מיר זאלן האבן תורה דאגות**: ליב צו האבן אידן, משמח זיין אידן, געבן פאר אידן, זיך אוועקגעבן פאר אידן, און גלייבן אז "לי הכסף ולי הזהב נאם ה'". דער אייבערשטער איז דער זן ומפרנס, דער אייבערשטער איז דער טוב ומטיב לכל, דער אייבערשטער איז דער "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון".

**הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע, לעכטיגע אידישע קינדער! אזויפיל טויזנטער אידן וואלטן זיך געדארפט קענען מחזק זיין, זיך שטארקן און הארעווען אויף דעם תורה'דיגן וועג פון "פנים מאירות".** נעמט דעם זכות צו צושפרייטן די שיעורי פנים מאירות, מזכה זיין דעם

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערשק פרשת ראה כד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

רבים, אריינברענגען א מנוחה ושמחה און אן ״אור ליהודים״ פאר אידישע קינדער, און מפרסם זיין כבוד שמים.

**די הייליגע עבודה פונעם רבי מענדעלע אלעסקער זצ״ל**

דער הייליגער רבי אהרן מנחם מענדל בן רבי אלכסנדר ליפא, דער אלעסקער רבי, וואס איז געווען א זדיטשויבער קינד און א זדיטשויבער אייניקל, שטייט אין ספר זכרון לברכה, אז אין די שפעטערע יארן האט רבי מענדעלע געהאט גאר גאר שווערע יסורים און שווערע מחלות רחמנא ליצלן, לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל. אבער ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט און קיינמאל נישט מתרעם געווען אויף זיינע יסורים.

די דאקטוירים און די מקורבים פלעגן קומען צו אים און זיך וואונדערן וויאזוי ער האלט זיך אזוי רואיג. ער האט זיך געפירט אין אזא רואיגע און שמחה׳דיגע אטמאספער, באמת מיט א שמחה, בשעת זיין גוף איז געווען אזוי צובראכן פון אזויפיל יסורים. מען האט אים געפרעגט: ״וויאזוי האלט איר דאס אויס? און וויאזוי באוויזט איר צו זיין שטענדיג, אן שום יוצא מן הכלל, בשמחה – שטענדיג ממש?״

האט ער געענטפערט: ״א טאטע וואס געבט א מתנה פאר זיין קינד, אפילו ווען עס איז שווער צו טראגן, וועט דאס קינד מקבל זיין די מתנה מיט ליבשאפט. **אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז לטובה**. ווי קען מען זיך אפרעדן ווען א מענטש לעבט דבוק אין דעם מלך מלכי המלכים?״

איר הערט וואס דער הייליגער רבי מענדעלע פון אלעסק האט געזאגט? אלעס וואס דער אייבערשטער געבט איז א מתנה. מיר קוקן נישט אויף דעם וואס דער אייבערשטער געבט אונז ווי אן עונש, מיר קוקן עס נישט אן ווי א שלעכטע זאך חלילה, חלילה וחלילה. אלעס וואס דער אייבערשטער געבט זענען מתנות; דער אייבערשטער געבט נאר מתנות. אלעס איז לטובה, לברכה, לששון ולשמחה, לישועה ולנחמה. אלעס ברענגט דביקות אין הבורא ברוך הוא, אלעס איז א תיקון. תיקון עוונות און כפרת עוונות; אלעס איז טובה וברכה, חן וחסד ורחמים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן דעם ליל שישי געגעבן געוואלדיגע יסודות: וואס איז דער ענין פון שמחה? געוואלדיגע יסודות איבער וואס עס איז די מיאוסקייט און די שרעקעדיגקייט פון עצבות; געוואלדיגע יסודות אין הדרכות החיים. דאס איז א שיעור וואס יעדער איד דארף הערן און קענען: וויאזוי צו זיין בשמחה, ווען צו זיין בשמחה, און וואס פונקטליך שמחה איז.

**די חשיבות פון יעדן פשוט׳ן איד און די נשמה טהורה**

אין ספר ספרי צדיקים ווערט געברענגט וואס חסידים האבן דערציילט: ווען עס פלעגן אריינקומען צום הייליגן רבי מענדעלע אלעסקער פשוט׳ע שוסטערס אדער שניידערס פון די דערפער, האט זיי דער הייליגער רבי מענדעלע אויפגענומען מיט א סבר פנים יפות. עס האט אויסגעזען ווי ער נעמט אויף דעם גרעסטן צדיק, דעם גרעסטן גדול, דעם גרעסטן תלמיד חכם. ער פלעגט זיי געבן שלום מיטביידע הענט, ער פלעגט זיי ברענגען א גלעזל טיי מיט א שטיקל מזונות, און ער האט מיט א ווארימקייט אויסגעהערט זייערע צרות און פראבלעמען. מיט טיפע געפילן און מיט א געוואלדיגע נאנטקייט, חשיבות און רעספעקט, האט ער זיי געמאכט אזוי גוט פילן. האבן די מקורבים געפרעגט פארוואס ער געבט זיך אזויפיל אפ מיט אזעלכע פשוט׳ע און פראסטע דארפסמענטשן. האט ער געענטפערט – הערט צו הייליגע ווערטער: ״**יעדער איד האט א נשמה טהורה וואס איז מתחת כסא הכבוד חצובה. ווער ווייסט וויפיל ערליכקייט און תמימות עס ליגט אין יעדן פשוט׳ן איד וואס ארבעט שווער פאר זיין פרנסה און האלט זיך ערליך**.״

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז א חלק פון אונזער אמונה, דאס איז א חלק פון אונזער דביקות הבורא, און דאס איז א חלק פון אונזער קשר מיט׳ן אייבערשטן – די אמונה פשוטה צו גלייבן אינעם אייבערשטן, אין די תורה, אין צדיקים, און אין די נשמה הקדושה והטהורה וואס יעדע אידיש קינד פארמאגט. **אויב דו וועסט עס גלייבן אויף יעדן איד, וועסטו עס גלייבן אויף דיר אליין אויכעט. און אז דו וועסט עס גלייבן אויף דיר, וועסטו זיין א מער פרייליכער איד, א מער רואיגער איד, א מער בשמחה׳דיגער איד**, א גרעסערער עובד השם, און דו וועסט זיין מער חשוב ביי דיר אליין; דו וועסט אנהויבן אנקוקן דיין אייגענע חשיבות מיט א געוואלדיגע חשיבות.

**דינען דעם אייבערשטן מיט פשוט׳ע תמימות און אן אמת׳ע הארץ**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס׳ווערט אויך דערציילט אז דער הייליגער רבי מענדעלע פון אלעסק פלעגט שטענדיג מעורר זיין די נאנטע צו גיין בדרך ״התהלך עמו בתמימות״ – מיט פשוט׳ע תמימות, אן קיין שום חכמות און אן קיין פלפולים אין עבודת השם, נאר פשוט ״התהלך עמו בתמימות״, ״תמים תהיה עם ה׳ אלקיך״. ער פלעגט איבערזאגן פון זיינע זיידעס לבית זידיטשוב, אז דער עיקר וואס

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערשק פרשת ראה כד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דער אייבערשטער דארף פון א איד איז דאס הארץ, ״רחמנא ליבא בעי״. **א פשוט קאפיטל תהלים וואס א איד זאגט מיט אן אמת׳ע הארץ און מיט תמימות ברעכט אויף אלע הימלען, פיל מער ווי די גרויסע כוונות וואס מען טוט אן קיין הארץ.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! יעדער איינער, אין וועלכע מדרגה ער זאל נאר זיין, זאל דינען דעם אייבערשטן מיט אווארעם הארץ, ״לעבדך באמת״, מיט אן אמת׳דיג הארץ און מיט א הארץ פול מיט געפילן.

ווען מען לעבט מיט א ״פנים מאירות״, זעט מען אלעס פאזיטיוו, לעכטיג און שיין. מען לעבט אין אמונה, מען גלייבט אינעם אייבערשטן, און מען לעבט אין שלום; איך וויל קיינעם נישט וויי טון, אפילו נישט מיר אליין. איך וויל נישט ווערן וויי געטון און איך וויל קיינעם נישט וויי טון, ממילא בין איך פאר יעדן מוחל און סובל. איך וויל נישט וויי טון דעם אייבערשטן, ממילא בין איך שטענדיג בשמחה און איך טו נאר דעם רצון השם. מיט בטחון בין איך פארזיכערט אינעם אייבערשטן; איך האב נישט קיין דאגות, איך זארג זיך גארנישט, איך האב נישט קיין פחדים און קיין מורא, איך בין רואיג. און מיט שמחה בין איך שטענדיג פרייליך; איך בין פרייליך ״שלא עשני גוי״, איך בין פרייליך אז איך בין א איד. איך פריי מיך אז ווען עס שטייט אין די תורה ״בנים אתם לה׳ אלקיכם״, בין איך א חלק דערפון און עס מיינט מיך פערזענליך. טו יעדע זאך מיט א תמימות: לערן מיט תמימות, זאג א קאפיטל תהלים מיט תמימות, היט די אויגן מיט תמימות, רעד נישט אויף קיין אידן מיט תמימות, האב ליב אידישע קינדער מיט תמימות, און האלט דיך בדרך התורה מיט אן אמת׳ע תמימות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אזוי חשוב אויבן אין הימל: אן אמת׳ע אידישע הארץ. אן אמת׳ע הארץ פון ליב האבן דעם אייבערשטן, די תורה און אידישע קינדער. אן אמת׳ע הארץ פון גלייבן אין ״אין עוד מלבדו״, ״אמת מלכנו אפס זולתו״, און ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״.

דער הייליגער רבי מענדעלע פון אלעסק זצ״ל איז געווען זייער געווארנט, און ער האט אויך געווארנט אנדערע, אז מען זאל נישט רעדן קיין שום שלעכטס אויף אידישע קינדער. ער איז געווען גאר פארזיכטיג נישט ארויסצוזאגן קיין ווארט וואס האט געקענט אויסגעטייטשט ווערן לרעה אויף א איד אדער אויף כלל ישראל.

איינמאל איז געקומען א שטאטישער איד און זיך געגרייט צו דערציילן פארן רבי׳ן א גאנצע מעשה איבער א מחלוקת וואס האט פאסירט אין זיין שטעטל, און ער האט אנגעהויבן רעדן אויף א געוויסן בעל הבית. ווי נאר דער הייליגער רבי מענדעלע האט געהערט אז ער הייבט אן רעדן אויף א צווייטן, **האט ער צוגעדעקט זיינע אויערן מיט די הענט און געזאגט מיט א ציטערדיגן קול: ״אין דעם הויז הערט מען נישט קיין לשון הרע! מיר דארפן בלויז זען די מעלות פון יעדן איד און מתפלל זיין פאר זייער טובה.״**

דער איד האט איבערגעבעטן דעם רבי׳ן און גלייך מקבל געווען אויף זיך טאקע צו הארעווען דערויף: צו זען נאר דאס גוטס אין יעדן איינעם, רעדן גוטס אויף יעדן, און שטענדיג זוכן און ארויסהייבן די מעלות פון כלל ישראל.

**זען נאר דאס גוטס אין כלל ישראל און נישט רעדן קיין שלעכטס**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מען קוקט זיך אום אויפ׳ן גרויסן בילד פון כלל ישראל, זעט מען א הערליכע שיינע כלל ישראל. ס׳מאכט זיך אמאל א איד, נישט בשיטה, א איד איז דאך נישט קיין פושע, נאר ס׳זענען פאראן שווערע נסיונות. ס׳זענען דא טעותים וואס מענטשן מאכן, אז מענטשן טוען אמאל בטעות יענעם באוועלן, מענטשן טוען אמאל יענעם פארשעמען, אדער מענטשן זאגן נישט די ריכטיגע ווערטער. ס׳זענען פאראן זייער אסאך מענטשן וואס האבן חובות, ס׳זענען דא מענטשן וואס געדענקען נישט צו באצאלן, און ס׳זענען דא מענטשן וואס טענה׳ן זיך מיט ארבעטער צו באצאלן ווייניגער אדער מער. ס׳זענען דא אסאך מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט זייערע מדות, מיט זייערע טרדות, מיט׳ן עול הפרנסה, מיט׳ן עול הגלות און מיט אזויפיל יסורים, און מענטשן מאכן טעותים.

אבער איר זאלט וויסן איין זאך: כלל ישראל — **דער צד השוה פון כלל ישראל איז, אז יעדער וויל זיין גוט, יעדער וויל טון דעם רצון השם, און יעדער וויל העלפן א צווייטן איד. קיינער וויל נישט וויי טון א צווייטן איד.** ס׳האט מיר פונקט היינט איינער דערציילט, אז זיין בני בית איז געווען ביי א חתונה, און ס׳איז צוגעקומען איינער ברבים און געזאגט פאר זיין בני בית: ״דו ביסט אנגעטון אויף א וועג וואס מען קומט נישט אזוי צו א חתונה, ס׳איז בכלל נישט פאסיג פאר דיר.״ מען רעדט נישט פון צניעות, פשוט, מען רעדט יעצט צי ס׳שטימט פאר דעם מענטש. מען רעדט נישט פון צניעות, צניעות איז געווען גוט.

דער איד דערציילט מיר אז זיין ווייב האט געטראכט: ״איך קען באליידיגט ווערן, איך קען פארשעמט ווערן, איך קען אריינפאלן אין א קאמפלעקס און טראכטן ווער ווייסט וויפיל נאך מענטשן האבן אזוי געטראכט אויף מיר; אדער קען איך לעבן פרייליך און רואיג פאר מיר אליין און זיין צופרידן. דאס האב איך טאקע געטון און איך בין צופרידן. אנשטאט צו לעבן אין קאמפלעקסן, האב איך מחליט געווען

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערשק פרשת ראה כד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ארויפצוקוקן אידן, מוחל זיין און סובל זיין, און ווייטער זיין בשמחה ביי די שמחה און ווען איך קום אהיים פון די שמחה." זיין בני בית האט בוחר געווען צו זיין בשמחה, נישט ברוגז צו זיין אויף קיינעם, נאר זיין בשמחה רבה ואמרו כולם.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען טאר נישט רעדן פון די שוואכקייטן און חולשות פון כלל ישראל. מען טאר נישט באזינגען און בארעדן קיין אידישע קינדער. אידישע קינדער מאכן טעותים, און דו מאכסט אויך טעותים. דער וואס בארעדט יענעם מאכט די גרעסטע טעות, ווייל צו בארעדן אידן איז דער גרעסטער טעות וואס קען זיין.**

און מען דארף וויסן: אויב איינער האט דיך בעוולה'ט אין דיני ממונות, איז דאס מן השמים; א בשר ודם קען דיך נישט בעוולה'ן. אויב דו בארעדסט אידן אז זיי בעוולה'נען מענטשן אין דיני ממונות, לעבסטו נישט מיט אמונה. עס איז שוין דא אין דיר א חסרון, און א סאך א גרעסערער חסרון, ווייל דו מיינסט נאך אז דו טוסט עס לשם שמים מיט'ן בארעדן אידן, אבער באמת האסטו פארלוירן דיין אמונה.

אוודאי מעג א מענטש מקיים זיין די מצוה פון "הוכח תוכיח", מען מעג מעורר זיין אידן, אבער נישט דורך רעדן אויף אידן, נישט דורך שרייבן אויף אידן, און נישט דורך זינגען אויף אידן. **דער אייבערשטער וויל מען זאל זאגן גוטס אויף אידישע קינדער, מליץ יושר זיין, און לראות מעלות חבריהם ולא חסרונם.** רעדט נישט, שרייבט נישט, און דערציילט נישט גארנישט נאר די מעלות פון אידישע קינדער. לאמיר נאר דערציילן די מעלות פון די אידישע קינדער; לאמיר נאר דערציילן די מעלות פון די אידישע קינדער.

**דער משל פונעם בעלזער רב: דער יצר הרע איז ווי א געבינדן כלב'ל**

ס'ווערט דערציילט אז איין מאל איז א חסידישער יונגערמאן אריינגעקומען צו רבי אהרן פון בעלזא זצ"ל, און ער האט זיך אפגערעדט פארן הייליגן בעלזער רב מיט א צובראכן הארץ, אז ער פרובירט אזוי שטארק צו דאווענען מיט כוונה און לערנען בהתמדה, אבער דער יצר הרע קומט יעדן טאג נאכאמאל און נאכאמאל און שטערט אים. ער קען אים נישט מנצח זיין, ער קען אים נישט באזיגן, און ער קען נישט מאכן קיין נצחון איבער דעם יצר הרע.

האט דער הייליגער בעלזער רב אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן און געזאגט: "וויסן זאלסטו! דער יצר הרע איז פונקט ווי א כלב'ל. א כלב'ל בינדט מען צו ביים טיר פון הויז מיט א לאנגע קייט. ווען א מענטש גייט אריבער די טיר, הייבט דאס כלב'ל אן צו בילן און שפרינגען; עס זעט אויס ווי ער גייט ארויפשפרינגען אויפן מענטש און אים צורייסן. אבער אויב דער מענטש גייט ווייטער און קוקט זיך בכלל נישט אום אויפן כלב'ל, הייבט ער אן באמערקן אז דאס קייטל איז פיל קורצער ווי ער האט געמיינט, און דאס כלב'ל קען בכלל נישט אנקומען צו אים.

דאס זעלבע איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, מיט עבודת השם. א מענטש דארף אנקוקן דעם יצר הרע: קריג דיך נישט מיט אים, מאך דיך נישט וויסנדיג פון אים, און פארפיר נישט מיט אים. דעמאלטס וועסטו זען אז ער איז בעצם געבינדן מיט א פיל קלענערע קייטל ווי דו מיינסט. ער מאכט נאר אן אנדרוק כאילו ער קען דיך איבערנעמען, אבער באמת קען ער דיך נישט בייקומען."

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? מיר ווערן נישט נתפעל, מיר ווערן נישט נתרגש, און מיר באקומען נישט קיין פחדים פונעם יצר הרע. מיר גייען ווייטער און ווייטער מיט א לעכטיגקייט. **"המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית" – א נייער טאג, א נייע התחדשות, אלעס הייבט זיך אן פון דאסניי. איך ברענג גארנישט מיט פונעם עבר, נאר די גוטע חלקים אלס א חיזוק;** די איבעריגע זאכן זענען נישט נוגע, נאר דער הווה און דער עתיד. א איד דארף זאגן די ווערטער פונעם הייליגן ישמח ישראל פאר זיין פטירה: ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט.

הייליגע לעכטיגע קינדער, חזקו ואמצו, "חזק ויאמץ לבבך וקוה אל ה'". אזוי גייט מען בענטשן ראש חודש אלול. **אלול! מען כאפט א ציטער, אבער אין דעם ציטער זענען דא אזעלכע זיסע ווערטער: "אני לדודי ודודי לי".** הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א ציטער מיט א געשמאק, מיט אן אהבה. מיר האבן ליב דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט אונז ליב. מיר האבן ליב די תורה, און די תורה האט אונז ליב. מיר האבן ליב אידישע קינדער, און אידישע קינדער האבן אונז ליב.

א פרייליכן לעכטיגן שבת, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211